


# די פּען

14

אלול תשנ"ה     חודשלעכער זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור     סעפּטעמבער 1995

די פען 14

אלול תשנ"ה \ סעפטעמבער 1995

רעדאַקטאָר:
הירשע=דוד קאַץ

פאַרוואַלטונגס=רעדאַקטאָר:
גענאַדי עסטרייך

רעדאַקציע:
מאיר באָגדאַנסקי
אליקום=געצל קלעפּפיש
דוב=בער קערלער

אבאָנאָמענטן,
מאַנוסקריפּטן,
קאָרעספּאָנדענץ:
Managing Editor
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

טעלעפאָן:
(+) 44 1865 798989

פאַקס:
(+) 44 1865 798987

געגרינדעט פון דער
משפחה טאַבאַטשניק
צום אָנדענק פון
יידישן פּאָעט און
פּראָזאַאיקער
מענדל טאַבאַטשניק
(1894 — 1975)

פאַרלאַג „דריי שוועסטער"


## פּאָעזיע


שרה טרייסטער=מאַסקאָוויטש (פּאַסיפיק פּאַליסעידס, קאַליפאָרניע): ערשטע ליבע 1

יעקב ביבער (פּעמבראָק פּאַינס, פלאָרידע): צוויבער=טרילן 2

חנן קיעל (ניו=יאָרק): לעצטע בריוו 3

מאָטל דיילי (קאָלאָמבוס): מיין צער איז אייביק 4

ש. סימכאָוויטש (טאָראָנטאָ): ליכט פון קדושה 6

גרוניאַ סלוצקי=קאָהן (מאָנטרעאָל): פרילינג 7

באָרים קאַרלאָוו (וואָלווערקאָט): סעקס 8


## פּראָזע


אלכסנדר ליזען (לעמבערג): זעלבסטאָפּפער 9

וועלוול טשערנין (אלקנה): בין השמשות 15

שלום בערגער (לואיזוויל, קענטאָקי): מיין גרינע קוזינע 18

משה מילער (ריקמאַנסוואָרט): אַ שבת פון דער קינדהייט 20

טאָמאַס סאָקסבערגער (ווין): די וואַנדער=טויב 23

אליענה רבקה אָדלער (קעמברידזש, מאַסאַטשוסעטס): יידישער פּנימער 25


## זכרונות


מ. אָליצקי (ניו=יאָרק): געסט פון אַמעריקע אין שטעטל טריסק 27


## רעצענזיע


מכאל קרוטיקאָוו (ניו=יאָרק): יידישע וויסנשאַפט אין סאָוועטן=פאַרבאַנד 29


## אינטערוויו


לעאָניד שקאָלניק (אינטערוויואירט: ג. עסטרייך) 32


הילע:
לייזער ראַן אין אָקספאָרד אין 1986 (געצייכנט: ז. פּראַוועך). לייזער ראַן, וועלכער איז דעם 14טן אויגוסט געשטאָרבן אין ניו=יאָרק צו 83 יאָר, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פאָלקלאָריסטן פונעם יאָרהונדערט. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער געווידמעט דער זאַמלונג און אויפהיטונג פון ביכער, דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס פון דער יידישער ווילנע. אַ סך פון זיי האָט ער אַליין אויפגעקליבן אין דער חרובער ווילנע האַרט נאָכן חורבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט הונדערטער אַרבעטן איבער פאָלקלאָר, קולטור געשיכטע, ליטעראַטור און דער געשיכטע פון ווילנע. זיין מייסטערווערק איז דער דריי=בענדיקער „ירושלים דליטא" (ניו=יאָרק 1974), אַ מאַסיווע זאַמלונג פון פאָטאָגראַפיעס און דאָקומענטן מיט אַ טעקסט אין פיר שפּראַכן. לייזער ראַן האָט אָנגערופן ווילנע די פאַרמלחמהדיקע „קרוינשטאָט פון יידיש".

# ערשטע ליבע

## שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש

מײַן מאַמע איז געגאַנגען צו קינד אויף ייִדיש
אויף ייִדיש אירע תּפֿילות
אויף ייִדיש אירע קולות
פֿון איר מויל און ברוסט איז ייִדיש
אַרײַנגעפֿלאָסן טיף אין מיר
געבאָדן, געקאָרמעט,
געלעקט און געפּוצט האָט זי מיך
מיט איר וואַרעמער ייִדישער צונג

מײַן טאַטע האָט מיך אויף שפּאַציר גענומען
אויף ייִדיש זען די פּאַווען
איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אין זײַן וויזפֿינגער
און מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען פֿון הימל
אויף זײַן שוים געזען די אותיות
פֿון דער גאָלדענער פּאַווע׳ס רעגנבויגן
און יעדן אות צוזאַמען אין די הענט
מיט פֿרייד געהאַלטן ווי
אַ ניי־געבוירן הינדעלע

איך בין מקנא די
וואָס האָבן אין דער יוגנט געהאַט געליבטע
וועלכע האָבן זיי געגלעט, גערייצט, געהיצט
אויף ייִדיש
אין דער שפּראַך פֿון ערשטער ליבע

# צויבער־טרילן

יעקב ביבער

פֿאַרכישופֿט מיך אויף אַ רגעלע
אין פֿעלד, ווען אויסגעמאַטערט,
אַ קאָלירט, קליין פֿייגעלע
אַ זומערדיקס, צעפֿלאַטערט.

אַ צויבער־טריל אין פֿלאַטער
געהערט, כאַטש אַ מידער,
מיט יאָרן שוין אַ זאַטער,
נאָר הונגעריק נאָך לידער.

דאָס צויבערדיקע טרילן
געמאַכט מיך פֿילן יינגער,
אויפֿן פֿעלד — דעם שטילן
באַצויבערט מיך דאָס זינגען.

ס'האָט געצווינגען מיך אַרויף
פֿאַרכאַפּט מיך אין געפֿלי,
מיטן פֿויגל ביז אין־סוף
ביז דער בלוי־טיפֿקייט איך פֿלי.

כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן
געפֿלויגן מיטן ווינט.
אַ טרילן האָט באַוואויגן
מיך קריק ווערן אַ קינד...

# לעצטע בריוו

## חנן קיעל

די בריוו פון מיין האַרבסטיקן איבערבלייב
ווייזן זיך זעלטענער אין אונדזער הויז;
שורות, צאַנקענדיקע שפורן
פון יונג־פלאַטערדיקע טעג,
זיי זיינען מיין לעצט פאַרמעג.

די בריוו פון קרית מוצקין, חולון, פאַריז,
געראַטעוועטע עדות פון בליאיקע יאָרן,
זיי ליגן איצט צעקנאָדערט, פאַרגעלט
אין שיפלאָד פון מיין פאַרצערטער וועלט.

איך וואַרט נאָך אויף דיינע נישט געענטפערטע
בענקענישן, טליאיקע זכרונות,
וואָס האָבן זיך מיטגעוואַלגערט אויף סטאַנציעס;
איך וואַרט נאָך אויפן לעצטן בריוו
וואָס נאָך אים וועט נישט זיין קיין צווייטער;
וואו זיינען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן
מיינע האַרבסטיקע באַגלייטער?

# מיין צער איז אייביק

## מאָטל דיילי

מאָטל דיילי איז געבאָרן
געוואָרן אין 1968. ער
האָט שטודירט יידיש און
העברעאיש אין דעם
אָהאַיאָ אוניווערסיטעט.

איך בין אַלט.
עלטער ווי די וועלט.
אין יונגע טעג האָב איך געלערנט
די שטערן און די לבנה, זייערע וועגן.
מיט טרערן פון פרייד האָב איך
איינגערעדט די וועלט זי זאָל גרין און פרוכטיק ווערן.

אין מיין איינזאַמקייט,
האָב איך פונעם שטויב
אַ מאַן געמאַכט און האָב אים
געגעבן מיין לעבנס־אָטעם.
און פאַרן מאַן, אַז ער זאָל ניט וויסן
פון עלנט, האָב איך געמאַכט די פרוי.

אַזוי, די יאָרן צעשיידן דעם בראשית
פון היינט. אָבער פאַר מיר איז עס נאָר
אַ מאָמענט. און אין די יאָרן
האָבן די קינדער פאַרגעסן
די צערטלעכקייט פון מיין ליבע,
דעם מבול פון מיין צער,
די פרייהייט פון מיין חסד.

מענטשן האָבן מורא פאַרן גיהנום.
אָבער זיי לעבן שוין אין גיהנום, ווייל
זיי האָבן מיך פאַרגעסן,
זיי האָבן מיך פאַרביטן,
זיי האָבן מיך דערקלערט פאַר אַ טויטן.

ברי, ברי, למה שבקתני?

איך האָב דיך ליב געהאַט.
איך האָב דיר מתנות געגעבן.
איך האָב דיך באַשטראָפט.
איך האָב דיר געשענקט.

און דו, דו האָסט מיך אָפּגעלאָזט.

מיין צער ווי מיין לעבן איז אייביק.

# ליכט פון קדושה

ש. סימכאָוויטש

ס׳איז דאָ אַ ליכט, אַ ווייסע שיין,
וואָס לויכט אויף פּלוצעם אין געמיט
און רופט דיך גיין אויף גלייכן וועג,
אין דיינע טוּאונגען זיין געהיט.

מיט מעשים, רייד און מחשבות
פון אַ בן־חורין מיט געבאָטן,
אַן איך־וויסיקער און שטאַרבלעכער,
פון בלוט און פלייש געקנאָטן.

אַפילו ווען דו פאַלסט און שטרויכלסט
אין נעצן פון באַטרוג און טומאה,
רייסט זיך ווי אַ פויגל אינדערהייך
דיין געפאַנגענע נשמה

צו הייליקייטן, צו פרייד און שלמות
צום נצח ליד פון גלייבן,
צו התרוממות וואָס דערלייזט
און טוט פון חומר דיך דערהייבן.

סע שמעלצן דעמאָלט די מיראַזשן
פון גענוסן חיי־שעהיקע, באַנאַלע,
ווען ס׳ליכט ס׳אייביקע פון קדושה
שיינט אויף און ווערט נתגלה.

# פרילינג

## גרוניאַ סלוצקי־קאהן

אָ, שטראַל פון מיין האָפענונג, פרילינג!
קוקסט ווידער אַריין אין מיין פענצטער;
אָ, קנאָספּעלע! עפן זיך שנעלער
און ווייז מיר דיין צאַרטעם געזיכט.
קומט, פייגעלעך ליבינקע, ווידער צו פליען!
שענק, זונעלע, ווידער אַ ביסעלע ליכט!

זינג, נאַכטיגאַל! פריי זיך מיט מיר דאָ אינאיינעם!
כ׳וויל הערן, ווי ס׳קלינגט פרי־פאַרטאָג דיין געזאַנג,
און איינזאַפן וויל איך די טרעלן, די זיסע,
און פאַרוויגן וועט מיך אין דער שטילקייט דיין קלאַנג.

עפן, פרילינג, פאַר מיר אַלע פענצטער און טירן!
וואַרעם אָן, גיב מיר, פרילינג, אַ גלעט!
ס׳בענקט נאָך דיר מיין צעוויטיקט נשמה,
קום וואָס שנעלער! פאַרנעם מיין געבעט!

אַלע סודות וועסטו מיר פאַרטרויען,
וועסט אַרומנעמען מיך מיט דיין פּראַכט,
און פאַר פרייד וועל איך דיר, ווי אַ מאַמע,
לידער זינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

# סעקס

## באָריס קאַרלאָוו

גאָלע נעכט באַהויכט פון שטילקייט
פול מיט וואָר, מיט פייכטער מילדקייט
און מיט הייסן ברויז פון אומרו
ווען דעם הימל׳ס טויזנט אויגן
פאָלגן נאָך דעם פיין און גלויבן
וואָס הילכט אָפּ אין טויזנט שויבן
מיט געמיש פון טרוים און ווילדקייט.

און דעם יצר׳ס שטייפער אויפרוף
קלאַמערט זיך אין יעדן קווערשניט
ביז עס גרייכט די וועלט צעשערכעט
אויף טויזנט מצוות און חטאים,
ווען די כלומרשט בלויזע שטילקייט
טוט דער נאַכט איר וואַך פאַרטרויען,
מיט איר אָטעם פריש און עכט.

וועט דען עמעץ גיין און מעסטן
יענע האַסטיקע פאַרמעסטן
וואָס פאַרשלינגען גאָלע נעכט?
ניין, ס׳קאָן קיינער זיי ניט וועגן,
בלויז דעם הימל׳ס אויגן מעגן
זען די וועלט אויף טויזנט וועגן
ווי עס שפּינט זיך פרום און פרעך.

# זעלבסטאָפּער

## אלכסנדר ליזען

**1**

דער דאָקטער האָט אים געזאָגט:

— כ׳בין דען גאָט? איך קען ניט פּינקטלעך אויסרעכענען די טעג פון דיין לעבן.

דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף נאַטאַן פאַרמעטס פראַגע:

— זאָג מיר, פאַן דאָקטער, וויפל טעג איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן?

פאַרוואָס עפּעס „פאַן דאָקטער"? פאַראַן צוויי סיבות. די ערשטע — אַצינד זיינען אַלע ביי אונדז געוואָרן פאַנען. די צווייטע — און דאָס איז די עיקרדיקע — צעלאָזן די ביטערניש מיט אַ וויצעלע. ס׳הייסט, כ׳האָב ניט מורא פאַרן טויט.

אפשר איז טאַקע אַזוי. זעלטן פלעגט ער זיך ווענדן צו דאָקטוירים. און אויב ער האָט זיך שוין יאָ געווענדעט איז בלויז צו אים, צו לעאָניד רייזן, מיט וועמען ער איז געווען באַפריינדעט אין משך פון אַ סך יאָרן. און אַפילו שוין נאָך דעם, ווי ער, נאַטאַן, איז אַריבערגעפאָרן אין גאָר אַן אַנדערן ראַיאָן פון דער שטאָט, פלעגט ער סיי ווי גיין צו אים, צו לעאָניד רייזן. צוגעוואוינט זיך. און טאַקע געשעצט אים. דער עיקר פאַר דעם, וואָס זייענדיק אַ דאָקטער, האָט רייז ניט איינמאָל אויסגעלאַכט די מעדיצין.

זיי זיינען געווען אויף „דו". שוין פון לאַנג. איצטער אָבער, האַלטנדיק אין אַ קאָפּ ציטערנדיקער האַנט די אָנווייזונג, וועלכע רייזן האָט אויף גיך אָנגעטינטלט פאַרן אָנקאָלאָגישן דיספּאַנסער, האָט

נאַטאַן פֿאַרמעט געמאַכט זיך האַרץ, געוואָלט, הייסט עס, באַווייזן זיין דאָקטער און פֿריינט אַז ער איז אויך מיט דעם טויט אויף „דו".

דער דאָקטער האָט זיך אָנגערופֿן:

— דער שכל גייט איבער צו אַ שוין־פּאָזיציע... איז אפֿשר וואָלט געווען בעסער, ווען דו וואָלסט זיך געווענדעט צו עפּעס אַן עקסטראַסענס, אָדער אַ זנאַכערטע, אַז ער אָדער זי זאָל דיר פּינקטלעך אויסרעכענען וויפֿל...

רייז האָט זיך פֿאַרהאַקט. די וויציקע אינטאָנאַציע האָט זיך אויסגעשעפּט. עס זיצט דאָך אַקעגן דיר ניט גלאַט אַ חולה, נאָר פּאָרט אַ פֿריינט.

פֿאַרמעט האָט אָבער פֿאַר די דאָזיקע געציילטע סעקונדעס, כלומרשט ניט אויסגעשטעלט, נאָר גיכער זאַכלעך, פֿאַרענדיקט דעם דאָקטערס פֿראַזע.

— ... וויפֿל טעג ס'איז דיר נאָך געבליבן לעבן אויף דער וועלט.

דער דאָקטער האָט פֿאַרגעזעצט עפּעס צו שטאַמלען, און אַליין זיך געוואונדערט איבער דער פּוסטעניש פֿון זיינע רייד.

— ס'איז, ערשטנס, נאָך ניט באַוואוסט, צי דאָס איז טאַקע יענץ־אָ...

ער האָט קוים אויסגערעדט „יענץ־אָ", כדי אויסצומיידן דאָס ווידערוואָרט „קאַנצער".

— ... צווייטנס, אַפֿילו ביי די סאַמע שווערסטע אומשטאַנדן, פֿאַרבלייבט פּאָרט עפּעס אַ האָפֿענונג...

„קינדערישע פּלאַפּלעריי", — האָט אַ קלער געטאָן פֿאַרמעט. נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.

— ... דריטנס, איז דער אָרגאַניזם אַליין פֿאַר זיך אַ דאָקטער. און אפֿשר דער סאַמע בעסטער...

„אָבער אויב דער סאַמע בעסטער", — האָט ווידער אַ קלער געטאָן נאַטאַן, — „איז פֿאַרוואָס..."

די קלערענישן זיינע האָבן זיך אויף דעם פֿאַרסטאָמפּעוועט. ניט געוואָלט זיך באַוועגן. ניט פֿאָרויס, ניט צוריק. הייסט עס, אַז עפּעס וויכטיקס איז פֿאַראַן אין דעם־אָ... אין דעם־אָ... פֿאַרטרייבנדיק דעם דאָזיקן געדאַנק אין אַ וויטער רעזערוו־קאָליע, האָט נאַטאַן פֿאַרמעט גענומען זיך געזעגענען מיטן דאָקטער כמעט שווייגנדיק, בלויז מיט אויסגעצוואונגענע שמייכלען.

2

ווען פֿאַרמעט, ערשט נאָכדעם ווי ער איז דורכגעגאַנגען אַלע זיבן קרייזן פֿון דעם אָנקאָלאָגישן דיספּאַנסער, האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער געטראָפֿן אַ זעליקע שטילקייט פֿון אַ געוויינלעכער איינזאַמקייט. ער האָט אפֿשר אַפֿילו ליב געהאַט זיין עלנטקייט, ווייל

דאָס האָט אים ניט געשטערט טראַכטן.

ער האָט אויפגעעפנט די פּאָרטקע, אָנגעפילט דאָס קליינע צימערל מיט אַ פּראָסטיקער לופט, און נאָכדעם פאַרמאַכט. אַ טיפער אָטעמצוג. צום גונסטן זיין פאַראורטיילטן אָרגאַניזם, יאָ, באַדאַכטן, נאָר פאַראורטיילטן. נאָכדעם האָט ער זיך מיד אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל. מיד, אָבער אויסערסט פּאָרזיכטיק. די רימענס פונעם פאָטעל האָבן זיך צעריסן, די פאָטערכעס זיינע קריכן שוין אַרויס. רעמאָנטירן אים אין עפּעס אַ וואַרשטאַט איז ער ניט ביכולת — מ׳קען נאָך אָנבאָטן פאַר דעם רעמאָנט און פאַר דער טראַנספּאָרטירונג אַ מיליאָן קופּאָנען, און ער האָט זיי פּשוט ניט.

אויפן טיש הערשט אַ גאַנץ לייטישער סדר און אַלץ פאַרנעמט זיין אָרט. און אינמיטן טיש שיינט אַ פרישער נומער פונעם זשורנאַל „אָגאָניאָק״, מיט אַ ליבלעך באַשמייכלטן מיידל אויף דער הילע.

ובכן. . . יאָ, ובכן האָט דער פאַטאַלער גורל אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל. אַ גאַנצער קאַנצער. און שוין. . . אָבער. רואיק. זאַכלעך. וויפל טעג דאַרף מען פאַרמאָגן צו געזעגענען זיך מיטן לעבן? און וויפל אויסבעטן אָדער אויספאָדערן? ביי וועמען? ביי גאָט? צי ביי זיך אַליין? ביים קלוגעטשקן אָבער פאַראורטיילטן אָרגאַניזם?

ווי אַזוי זשע דערוויסט מען זיך? די דאָקטוירים דרייען זיך אַרויס פון אַ דירעקטן אויפריכטיקן ענטפער. איז אפשר אַליין אויסרעכענען? אוממעגלעך. ס׳איז אַ גלייכונג מיט אַ סך אומבאַוואוסטע. לאָמיר פונדעסטוועגן אַ פּרואוו טאָן, נאַטאַן, האַ, ווי מיינסטו?

ער האָט אַרויסגערוקט דעם טיש־שופלאָד, אַ שטעק געטאָן די האַנט אין אַ קעסטעלע מיט קליינגעלט, אָנגענומען אַ זשמעניע, און אויסגעשיט אויף דער פּילפּאַרביקער הילע פונעם זשורנאַל „אָגאָניאָק״. איין מטבע האָט זיך אַ קייקל געטאָן און האָט פאַרדעקט מיט זיין רעשקע־זייט דעם שמייכל פונעם מיידל. אַהאַ, אַ גילן! הייסט עס — פופצן טעג. אַזוי האָט ער פאַרטראַכט. „איך האָב אָבער דאָך געכיטרעוועט״ — האָט, שווייגנדיק, פאַרמעט געזאָגט דעם שמייכלענדיק מיידל, אַלץ נאָך שמייכלענדיק, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ מטבע איז געלעגן אויף אירע ליפּן. דער ברייטער שמייכל האָט זיך בלויז צעפּאַלן אויף צוויי טיילן — פון די ווינקלען פון די ליפּן ביז די פאַרקיילעכדיקע ראַנדן פון דעם גילן.

אָבער וואָס הייסט עס דען — „געכיטרעוועט״? זייער פּשוט. כמעט אַלע מטבעות זיינען געווען גילנס. תמיד פלעגסטו זיי אָנזאַמלען, כדי האָבן זיי אונטער דער האַנט ווען דו וועסט ענדלעך אַנטליסן אָנקלינגען צו דימונהן אין לאַנד כנען, פאַן נאַטאַן. ניט אַזוי, האַ? אמת, איצטער זיינען זיי שוין אומניצלעך, ווייל טויזנט־פאַכיק אַנטוועטעריקט געוואָרן. מ׳מעג שוין אַרויסוואַרפן זיי. איז ווי אַזוי? כ׳בין גערעכט, האַ?

ניט אינגאַנצן. געווען דאָרטן אויך צווייקאָפּיקע מטבעות. אויך פאַר

דעם טעלעפֿאָן? יאָ. אויף דעם פֿאַל, אויב דימונה וועט אַליין באַוויליקן קומען צו דיר פֿון דעם ווייטן כנען, אַיאָ? אָבער אַצינד טויגן זיי אויך אויף כּפּרות. . .

3

פֿאַרמעט האָט אַראָפּגענומען די מטבע פֿון דעם מיידלס ליפּן. אין צימער איז ליכטיקער געוואָרן.

ובכן, פּופּצן טעג. בלויז פֿופֿצן טעג. גאַנצע פֿופֿצן טעג. און ער, נאַטאַן, וועט ניט אָפּטרעטן קיין טאָג, קיין איינאונאיינציקן טאָג, ווען אַפֿילו אַלע אָפּגעטער וועלן זיך קעגנשטעלן.

איז לאָמיר צונויפֿשטעלן אַ פּראָגראַם, פֿאַן נאַטאַן, פֿאַר די דאָזיקע פֿופֿצן טעג. מ׳דאַרף האָבן אין זינען, אומבאַדינגט דאַרף מען האָבן אין זינען, די מעגלעכקייט צו פֿאַרלענגערן די טעג אויפֿן חשבון פֿון די נעכט. כ׳מיין, אַז אַזוי אַרום וואָלט מען געקאָנט אָנציען נאָך גאַנצע פֿינף טעג. איז דעמאָלט וועט זיך באַקומען צוואַנציק טעג און צען נעכט. ריכטיק?

יאָ, ריכטיק.

איז זעץ זיך גלייך אַנידער און הער אויף צו קוקן אויף דער באַשמייכלטער שיינהייט אויף דער הילע פֿון „אָגאָניאָק”. זי האָט דאָך קיין שום געמיינזאַמס מיט דער געהיימעניש־פֿולער דימונה פֿון דער געצנדינערישער וועלט.

אַלזאָ, אַכטונג! נעם זיך שוין פֿאַר דער עבֿודה, נאַטאַן פֿאַרמעט! הייב אָן פֿון דער צוואה, אַוודאי, פֿון דער צוואה. דאָס מיידל פֿון דעם „אָגאָניאָק” שמייכלט שוין ניט, נייערט זי לאַכט. זי קייכט פֿאַר געלעכטער. וואָס זשע וועסטו אָפּשרייבן פֿון דיין גאָר רייכער ירושה, האַ, פֿאַן נאַטאַן? סיידן די גילנס און די צווייקאָפּיקע מטבעות, וועלכע דו האָסט שוין פֿון לאַנג געדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן. יאָ, האָסט נאָך אַן אַסיגנאַציע פֿון פֿינף און צוואַנציק קופּאָנען, וועלכע איז שוין אויך אַרויס פֿון דער שפּיל.

וועמען זשע וועסטו אָפּשרייבן די דאָזיקע רייכטימער? דו ביסט דאָך עלנט, ווי אַ שטיין. ניין, ריכטיקער — ווי אַ קאָרטש. וואָס איז דען אַ קאָרטש? אַ נעבעכדיק איבערבלייבעכץ פֿון אַ הויכן שלאַנקן בוים. אָן קיין שום האָפֿענונג ווערן נענטער צום הימל.

נו, זאָל זיין אַזוי. אָבער אַ געזעגענונג בריוו?

איז ווידעראַמאָל. מיט וועמען וועסטו זיך געזעגענען? אפֿשר מיט דער געטין דימונה? איז זי דאָך געשטאָרבן צוריק מיט פֿיר טויזנט יאָר. . .

און טאַקע דעמאָלט האָט אַ שוויבל געטאָן ביי פֿאַרמעטן עפּעס אַזאַ ציקאַווע אידיי. דאָס שוויבלעניש איז אַנטשטאַנען גלייך נאָך דעם, ווען ער, אויף צו להכעיס דעם בייזוויליקן „גאַנצן קאַנצער”, האָט זיך

געוועןדעט נאָך הילף צו דעם עלעגאַנטן פלעשל קאָניאַק, וואָס איז געשטאַנען ביי אים אין אַ ווינקעלע פונעם בופעט אין משך פון לאַנגע יאָרן. שוין. דער קאָפּ איז שווער, נאָר די מחשבות זיינען גרינג. פאַרוואָס עפּעס דאַרף איך פטרן די דאָזיקע טייערע פופצן טעג אויף צו געזעגענען זיך מיט לעבעדיקע וועלכע ווילן בפירוש אויסמיידן אַזאַ כבוד (זיי געדענקען דען מיך?), אין דער צייט ווען ס'איז אַ סך וויכטיקער פאַרוועןדן זיי אויף פאַרברענגעניש מיט טויטע, מיט מיינע טייערע פאַרשטאָרבענע בתוכם? און בפרט וואָס איך גיי דאָך אַהין, צו זיי. און נאָכאַמאָל בפרט, וואָס איר וועט דאָך ניט לייקענען, אַז טויטע אין דער ערד איז פאַראַן פיל מער, ווי לעבעדיקע אויף דער ערד. איז אויב אַזוי... חוץ דעם — אור־אור־אור־עלטערן... מיליאָסן! פון אדמען און חוהן... נאָכדעם דימונה... און ביז, ביז... יאָ־יאָ, און ביז מיר...

נאָכדעם דימונה? פאַרוואָס זשע הערסטו ניט אויף צו גלאָצן דיינע אויגן אויף דעם שיין באַשמייכלטן פנים, וואָס אויף דער הילע? ווייסט פאַרוואָס? ווייל דימונה איז קאַלט — עפר ואפר, און דאָס מיידל איז אַ לעבעדיקע וואַרעמע באַשמייכלטע שיינהייט. אמת, זי איז אַ פּשוטע מעלקערין, דאָיאַרקע, און דימונה איז פאָרט אַ געטין. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס פון איר געטלעכקייט? געביין. טויט געביין...

און פון דער מעלקערין? איז וואָס? זי איז אָבער... יאָ, זי איז אָבער אַ לעבעדיקע. דאָס איז איצטער פאַר מיר דער עיקר. איך נייטיק זיך איצטער ביז גאָר אין דעם, אַז איך זאָל זיך אָנשטעקן מיט לעבן, איר פאַרשטייט? און דאָס דאָזיקע ליבלעך מיידל איז ווי אַ ליכט פון לעבן. זי האַלט אין איין שיינען מיט אַ שמייכל. ווי מיט אַ פלאַם.

אָבער... אָבער דאָס וואָס ברענט און פלאַמט ווערט צום סוף פאַרלאָשן. ניט אַזוי?

אַזוי. ווועלן מיר שוין שפּעטער זען. איבעריקנס...

לאָמיך גיין צו דימונהן. ווייטלעך? אָבער... יאָ, פאַר דעם, וואָס איך וועל זיך לאָזן אין אַ ווייטן וועג דאַרף איך אָנשרייבן די צוואה. ווידער צוואה! וואָס האָב איך דען צו אָפּשרייבן די „ירושה" מיינע?

פאַרמעט האָט אַ פיר געטאָן מיט צעשטרייטע אויגן איבערן צימערל. יאָ, אפשר דאָס קופערטל פון מיין עלטערבאָבע? אָט שטייט עס אין שאָטן פון צוויי ווענט, אין אַ ווינקעלע. ווי אַזוי איז דאָס גאַנץ געבליבן אין דעם בלוטיקן כאַאָס? ס'איז פּשוט אַ נס מן השמים. זעט אויס, אַז אַפילו אַ קופערט האָט זיין קופערטישן גורל...

אויפן דעק פונעם פלעשל איז געבליבן גאָר ווינציק. וואָס ווייטער פאַרלירט דאָס פלעשל זיין קאָניאַקישע עלעגאַנטשאַפט. פאַרקערט. אַ ווידערגעפיל. אָבער מ'דאַרף דערטרינקען. ווער דען וועט דאָס טאָן? אַ שאָד אויב דאָס וועט פאַרפאַלן גיין. ס'איז דאָך אַרמענישער, מסוכן טייערער. אויך מסתמא אַ מיליאָן און אפשר נאָך מער...

האָט ער מיט איין אָטעם אויסגעטרונקען. גלייך פֿונעם העלדזל. שאַרף דערפֿילט אַן איבלדיקע ביטערניש. ווידער אַ ווידערגעפֿיל. נאָך אַ גרעסערס. און אַ הונדערט־פֿודיקע מידקייט. פֿונעם טיש און ביז דער טאַכטע האָט ער זיך געשלעפּט מיט וואַקלדיקע טריט — אפֿשר אַ גאַנצן טאָג. פֿאַרפֿאַלן אַ גאַנצער טאָג. געבליבן פֿערצן. האָט ער זיך אַנידערגעוואַלגערט. און שוין ניט אויפֿגעשטאַנען. צי אַ גרינגער טויט, צי אַ שווערער שלאָף. . .

פֿון צווישן דעם כאַאָס און דעם חושך האָט אומדערוואַרט זיך דורכגעריסן פֿון ערגעצוואו (אַפֿנים פֿון דער קינדהייט) אַ געוויינלעכער קוקעריקו פֿון אַ געוויינלעכן האָן, וואָס ליידט, זעט אויס, פֿון שלאָפֿלאָזיקייט. נאַטאַן האָט אַ ציטער געטאָן. אויפֿגעשטאַנען.

אַ ווײַלע פֿריער איז ער געשטאָרבן. און אָט אַזוי איז ער, אַ געשטאָרבענער אָפּגעלעגן אויף דער אַלטיטשקער טאַכטע שיער ניט אַ גאַנ׳ץ יאָר, און קיינער פֿון זײַנע שכנים האָט דאָס ניט באַמערקט, וואָרעם, מחמת זײַן איינזאַמקייט, פֿלעגט ער מיט זיי ניט קאָנטאַקטירן. פֿאַר דעם דאָזיקן יאָר האָט זײַן חומר אויסגעטליעט. פֿאַרבליבן בלויז ביינער. האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, אויפֿגעשטאַנען, און צום אַלעמערשטן געכאַפּט אַ קוק אויפֿן קופֿערטל, און האָט אַ קלער געטאָן, צי וועלן זײַנע ביינער אַרײַן אין דעם. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעטרייסלט פֿונעם קופֿערט אַלע הלבשות פֿון זײַן עלטערבאָבע, אַרײַנגעלייגט אַהין זײַנע ביינער, פֿאַרהאַקט דאָס דעקל, מיט אַ שוואַרצן פּלאָמאַסטער האָט ער אָנגעצייכנט פֿון אויבן „נתן פֿאַרמעט“, כּדי מ׳זאָל ניט פֿאַרפּלאָנטערן זײַנע ביינער מיט עמעצנס אַנדערע ווען מ׳וועט אויפֿשטיין תּחית המתים, און, אויפֿהייבנדיק דאָס קופֿערטל פֿאַרן הענטל, האָט ער אַנטשלאָסן אַ טראָט געטאָן איבער דער שוועל, אויפֿשליסנדיק אַפֿריער די טיר מיט אַ שליסל. אַ שכנה, וואָס איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ מיט אַ קענדל מילך אין דער האַנט, איז געפֿאַלן חלשות דערזעענדיק פֿאַרמעטן, דאָס קענדל האָט זיך איבערגעקערט, די מילך האָט זיך צעגאָסן. ער האָט אָבער ניט געלייגט קיין אַכט אויף אַזעלכע קלייניקייטן. ער האָט זיך מסוכן געאײַלט. עס האָט אויף אים געוואַרט אַ לאַנגער וועג. און אַ הייליקער אויפֿטו. אַליין זיך וועט ער ברענגען אַ קרבן דער געטין דימונה. זיך, די ביינער זײַנע, וואָס קלאַפּן הסכּמהדיק אינעם קופֿערטל פֿון דער עלטערבאָבע.

# בין השמשות

## וועלוול טשערנין

ס׳איז שטיל. דער פּאַטרול דזשיפּ דרייט זיך ניט אַרום איבער דעם ישוב. דער וועקער שלאָפט. ס׳איז נאָך פינצטער אינדרויסן. איך שטיי אויף און גיי אַרויס. דעם עלטערן זון וועל איך דאָסמאָל מיט זיך ניט נעמען, כאָטש נעכטן האָט ער אַזויפיל געבעטן ביז איך האָב אים געמוזט צוזאָגן. זאָל ער אָבער בעסער שלאָפן. כ׳בין ניט זיכער, אַז היינט וועלן זיי ניט פּרובירן שפּילן זייער ראָליע צו ערנסט.

דאָרט, אונטן, אין רמת אביב, אין כפר שמריהו, אויף שיינקין גאַס און אין נאָך כלערליי אַזעלכע מקומות גלייבן זיי מיט אַן אמונה שלימה, אַז דאָ זיינען מיר אַלע שונאים פונעם שלום און גרויסע ליבהאָבער פון מלחמות. איך האָב פיינט מלחמות, אָבער נאָך מער האָב איך פיינט די שפּיל אין מלחמה, דעם כלומרשטיקן קאַמף מיט שטרענגע, נאָר ניט קלאָרע כללים. ניט דאָס, ניט יענץ — אַ מין פּאַרווע. און פאָרט זעץ איך פּאָר צו שפּילן.

כ׳האָב גענומען דעם פּיסטאָלעט און אַריינגעשטופּט אים אונטער דעם רימען אין די דזשינס אַריין. פון אויבן — אָנגעטאָן דעם טלית קטן און די העמד, דער פּיסטאָלעט זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. אַזוי איז דאָס וויניקער ענלעך אויף אַ שפּיל. דעם „עוזי״ האָב איך געלאָזט אינדערהיים. אַזוי האָט מען געהייסן. ביים טויער פונעם ישוב האָב איך געטראָפן נאָך אַזעלכע ווי איך — פאַרשלאָפענע און פּאַקטיש ניט־געדאַוונטע. אין דער קילער ווינטערדיקער מלאָסנעקייט האָבן מיר אַריינגעלאָדן אַלטע אויטאָמאָביל־שינעס אין אַ נייעם יאַפּאַנישן אויטאָ.

אַן עלנטער אַרמייאישער דזשיפּ שטייט אויפן הויפּט־שאָסיי אינעם

דאָרף. מ׳וואַרט שוין אויף אונדז.

— חברה, היינט האָבן מיר באַקומען דעם באַפעל דערגיין אייך די יאָרן. אַזוי אַז אָן חכמות! — זאָגט אָנשטאָט אַ „בוקר טוב" אַ יונגער אָפיצער. אין זיין קול אָבער הערט זיך ניט קיין זיכערקייט. איינער אַן אַדוואָקאַט הייבט אָן זיך אַמפּערן מיטן אָפיצער. ס׳איז אַ שפּיל אַזאַ, און דער אַדוואָקאַט שפּילט זי פּראָפעסיאָנעל, כל־זמן זיינע שכנים, און איך דערונטער, פאַרשליסן דעם קרייצנוועג אין אַלע פיר ריכטונגען — מיט גרויסע שטיינער און אונטערגעצונדענע שינעס.

לכתחילה האָבן מיר אַלע געאַרבעט כמעט אינגאַנצן שווייגנדיק. אַלע האָבן געוואוסט וואָס מ׳דאַרף טאָן. די זעלנער האָבן דאָ און דאָרט פּרובירט אויספילן דעם באַפעל און באַפרייען דעם שאָסיי, נאָר דער דראַנג איז געווען צו שטאַרק. די הייסע קעפּ, דאָס רוב פּרענקן פון די אַנטוישטע ש״ס־שטימער און די ענטוזיאַסטישע ציוניסטן מיט אַ שווערן אַמעריקאַנישן אַקצענט, האָבן גאַנץ עפעקטיוו נייטראַליזירט דעם שוואַכן ווידערשטאַנד. דערזען אַ זעלנער מיט אַ יאַרמלקע, האָט מען אָנגעהויבן שרייען:

— וואָס טוסטו דאָ?! ווי שעמסטו זיך ניט! נעם אַראָפּ די כיפּה!

דער צעמישטער זעלנער איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און האָט שטיל געזאָגט:

— איך אַליין בין פון קרני־שומרון, אָבער וואָס קען איך טאָן?!

די זעלנער האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט זייערע פּרואוון איינצופירן אַן אָרדענונג. בלויז דער אָפיצער האָט נאָך אַלץ ערגעץ געשריען:

— איך בין דאָ דער פאַראַנטוואָרטלעכער!

— מיר פאַרלאָזן זיך אויף דיר, — האָט אים עמעצער געענטפערט.

— איר מאַכט זיך אויף מיר אויס! — האָט זיך בייז אָפּגערופן דער יונגער אָפיצער און אויפגעהערט צו שרייען.

דער פייער פון ברענענדיקע שינעס האָט פאַרטריבן די קילקייט, נאָר דער שוואַרצער רויך האָט זיך געמישט מיט אַ נודנע, דריבנע רעגנדל.

די אַראַבער זיינען געשטאַנען וויִיט, אַ גוטע דריי הונדערט מעטער פון אונדז. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז היינט גייען זיי ניט צו דער אַרבעט. נאָר איין מאָל איז אַן אַראַבישער אויטאָ אַרויסגעשפּרונגען פון דעם דאָרפס שוים און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די זעלנער. דער אָפיצער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שאָפערס דאָקומענטן און עפּעס אַריינגערוימט צו אַ וואַזשנע באַבערדיקטן יידן. דעם אויטאָ האָט מען דורכגעלאָזט. מ׳האָט געמוזט. אַ משת״פ. אַ שטינקער. אַן אונדזעריקער.

ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ מין שטילשטאַנד. בלויז פון צייט צו צייט האָט איינער פון די זעלנער, אַ פּרענק, אַ לין, געשריען ווי אין מאַרק:

— חברה, וואָס טראַכט איר זיך? וואָס טוט איר דאָ? קיין זאַך וועט

דאָך שוין ניט העלפֿן. די דאָזיקע מנוולים האָבן שוין פֿאַרקויפֿט די גאַנצע מדינה!

מיר האָבן אים גאָרניט געענטפֿערט.

ווען ס'איז געקומען די פּאָליציי, האָט דער אָפֿיצער געפֿאָדערט אַרעסטירן עטלעכע סאַמע אַקטיווע, לויט זיין פֿאַרשטאַנד, עקסטרעמיסטן. דאָס מיליטער איז דאָך ניט פּינקטלעך די אינסטיטוציע וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט אַרעסטירן אייגענע בירגער. צוליב דעם איז דאָך דאָ די פּאָליציי! נאָר דער פּאָליציאַנט איז געווען לחלוטין אַן אונדזעריקער. ער האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט דעם אָפֿיצערס טענות און רעקאָמענדאַציעס, נאָר ער האָט קיינעם ניט אַרעסטירט.

— דאָס איז אַן איידעלער ענין, — האָט דער פּאָליציאַנט געענטפֿערט דעם יונגן אָפֿיצער, — דאגה ניט. איצט וועט שוין אַלץ זיין בסדר.

ער איז צוגעגאַנגען צו אונדז און האָט געמאָלדן כמעט חבריש:

— זוכט זיך ניט קיין צרות. אין אריאל האָט זיך דער באַלאַגאַן שוין פֿאַרענדיקט צוריק מיט אַ פֿערטל שעה.

ער האָט גוט געקענט די כללים פֿון דער שפּיל, דער פּאָליציאַנט:

— איך גיב אייך צוואַנציק מינוט אויף אָפּצודאַוונען שחרית, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ הויכער אָפֿיציעלער שטים. — און דערנאָך, בעט איך, איר זאָלט פֿאַרלאָזן דאָס אָרט.

מיר האָבן אים גאָרנישט צוגעזאָגט, נאָר דער רב אונדזערער האָט באַלד אָרגאַניזירט אַ מנין. הויך און שטאַלטנע איז ער, דער רב אונדזערער. מיטן טלית און מיט דער באָרד, און מיט אַ גרויסער יאַרמלקע, און מיט די תפֿילין, און מיט אַ סידור, און מיט אַן „עוזי",ביים דאַוונען אינמיטן דעם שאָסיי, אינצווישן דעם רעגן און דעם רויך אין אַ פֿיינטלעך דאָרף, האָט ער, דער רב אונדזערער, אויסגעזען אַזוי, ווי עס מוז אויסזען אַן אמתער מתנחל אויף די זייטלעך פֿון זייערע צייטונגען, דאָרט, אונטן.

און דאָס איז אויך אַ חלק פֿון דער שפּיל.

מ'האָט געזאָגט דעם לעצטן אמן און מ'איז אַוועק.

פֿונעם פֿענצטער אין סאַלאָן פֿון מיין שטוב איז צו זען די הויכע רויך־בראַנדן.

— ווער האָט עס אויפֿגעטאָן? — האָט געפֿרעגט דער יינגערער זון.

— איך, — האָב איך געענטפֿערט אָן שום גאווה.

— נו־נו־נו . . . — האָט מיר געמאַכט מיט זיין פֿינגערל דער פֿישער.

# מיין גרינע קוזינע

## שלום בערגער

שלום בערגער איז געבאָרן
געוואָרן אין 1973.
שטודירט ייִדיש און
אַנדערע מינאָריטעט
שפּראַכן פֿון אייראָפּע.

צו מיר, אין ניו־דזשערזי, איז פֿון רוסלאַנד געקומען אַ קוזינע. איך האָב זי באַגעגנט אין עראָפּאָרט און געבראַכט צו זיך אַהיים.

גייט זי אַרויס פֿון דעם אויטאָ, און בלייבט שטיין, פֿאַרכישופֿט קוקנדיק אויף דער לאָנקע לעבן מיין הויז.

— ביי אייך איז אַזאַ שיינע דאַטשע.

— ניין, ס׳איז ניט קיין דאַטשע, — האָב איך זיך צעלאַכט. — כ׳בין ניט קיין גביר.

זי האָט ניט געענטפֿערט, גלייך ווי זי האָט מיך ניט געהערט.

— קאַטיע, — האָב איך אָנגעהויבן ווידעראַמאָל, — לאָמיר אפשר אַריינגיין אין הויז?

— צי קאָן איך בלייבן דאָ נאָך אויף אַ פּאָר מינוטעטשקעס? — האָט זי זיך געבעטן, ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פֿון די צוויי אַלטע ווערבעס, וועלכע זיינען געוואַקסן אויף דער לאָנקע.

— אַוודאי, — האָב איך געענטפֿערט, און אַריינגעטראָגן אירע וואַליזקעס אין הויז אַריין.

אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום בין איך ווידער אַרויס אינדרויסן. קאַטיע איז נאָך אַלץ געשטאַנען, קוקנדיק אויף די ביימער.

— קאַטיע, וואָס, דו ווילסט ניט אַריינגיין? ס׳ווערט שוין קילבלעך...

— אייערע ביימער זיינען אַזוי שיין. זיי זיינען ווי הויכע שלאַנקע בלומען, — האָט זי געזאָגט, און געבליבן שטיין צווישן די ביימער.

ס׳איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, ווען איך בין ווידער אַרויס. איז דער לבנה־שיין האָב איך דערזען קאַטיעס סילועט, אינגאַנצן פֿאַרדעקט מיט

בלעטער. אַ פֿויגל איז שטיל געזעסן אויפֿן שפּיץ קאָפּ, און זשוקעס זײַנען אַרומגעקראָכן איבער איר פּנים, באַשמירט מיט סמאָלע.

— קאַטיע! — האָב איך אויסגעשריען און זיך אַ לאָז געטאָן צו איר. איך האָב זי אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער האַנט, און דערפֿילט אַז זי איז קאַלט און באַדעקט מיט קאָרע...

אַ סך מענטשן האָבן געפּרוּווט אָפּרײַסן זי פֿון דער לאָנקע — איך, די שכנים, דער דאָקטער, די פּאָליציאַנטן, די באָבע מײַנע. דערנאָך זײַנען פֿון רוסלאַנד געקומען צו פֿאָרן אירע עלטערן, אָבער זיי האָט זיך אויך ניט געלונגען אויסוואָרצלען די טאָכטער פֿון דער אַמעריקאַנער ערד. אַ פּאָר אינזשענירן, וואָס זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָבן פֿאָרגעלייגט צו נוצן אַן עקסקאַוואַטאָר, נאָר איך האָב מורא געהאַט אַז דאָס וועט רואינירן מײַן הויז.

אַזוי האָט זי זיך פֿאַרוואָרצלט, אַרויסגעלאָזט צווײַגן און איז געוואָרן אַ שיינער בוים. מיט דער צײַט האָבן אַפֿילו די שכנים פֿאַרגעסן אַוועלכער פֿון די דרײַ ביימער האָט זיך באַוויזן נאָך קאַטיעס קומען קיין אַמעריקע. אונטער דעם שאָטן פֿונעם דריטן, דעם סאַמע גרינעם, בוים איז געווען מחיהדיק רואיק צו זיצן און זיך צוהערן ווי פֿויגלען טרעלייקען זייערע לידער.

ביסלעכווײַז האָט מײַן ווערבעלע־קוזינע גענומען פֿאַרזונקען ווערן אין דער ערד, די גרינע בלעטער זײַנען געפֿאַלן אויף דער לאָנקע. אָסיענצײַט איז זי אינגאַנצן נעלם געוואָרן. די שכנים, ווי אויך דער דאָקטער, קאַטיעס רוסישע משפּחה, — אַלע האָבן געהאַלטן אַז פֿון דער אַמאָליקער קאַטיען איז קיין שפּור ניט פֿאַרבליבן. נאָר איך ווייס, אַז אויף מײַן לאָנקע איז פֿאַראַן אַן ערטל, צווישן די צוויי אַלטע ביימער, וואו ס'שמעקט מיט אַנדערע, ניט אַמעריקאַנישע, בלומען, אַלנפּאַלס ניט אַזעלכע וואָס וואַקסן אין ניו־דזשערזי. צומאָל רײַס איך אָפּ אַזאַ אַנדערש־שמעקנדיקע בלום און שטעק זי אַרײַן אין דער אייבערשטער קעשענע פֿון מײַן מאַרינאַרקע. און ווען עמעצער פֿרעגט פֿון וואַנען איז די בלום, ענטפֿער איך:

— פֿון רוסלאַנד, פֿון אַן אייגענער מײַנער.

# אַ שבת פון דער קינדהייט

## משה מילער

דער שבתדיקער פרימאָרגן איז קאַלט. ווינטער איז פאַרדעקט מיט טיפן שניי, אייז־ליכטלעך הענגען אַראָפּ פון דעכער, דער ווינט וואָיעט. מ׳דאַרף משוגע זיין אַרויסצוגיין אין אַזאַ שטורעם. אָבער מיט אַ מאַנטל, טשיפּעק, הענטשקעס, צוויי פּאָר זאָקן און שווערע שטיוול אויף די פיס, גיי איך, אַן אַכט־יאָריקער העלד, פאָרויס. איך איל זיך כדי ניט פאַרשפּעטיקן אויפן קלאַס פון גימנאַסטיק. דער לערער האָט אונדז געוואָרנט: „מיר וועלן אָנהייבן פּונקט צען אַזייגער. איך בעט אייך קומען צו דער צייט, ווייל מיטאָגצייט וועלן מיר מוזן באַפרייען דעם זאַל פאַר אַ פאַרזאַמלונג.״

באַלד וועל איך פאַרבייגיין אַ בית־הכנסת, און פון דאָרט וועט שוין פאַרבלייבן אַ מינוט פינף ביזן ציל — דעם „ליבערטי טעמפּל״, מיין יידישער אָוונט־שול.

ביי דער האַלב־אָפענער טיר פון בית־הכנסת שטייט אַ מענטש. ער גיט אַ וואונק און רופט זיך אָן אויף אַ צעבראָכענעם ענגליש:

— בויטשיק, ביסט אַ ייד?

איך שטעל זיך אָפּ. וואָס פאַראַ מאָדנע פראַגע! וואָס וויל ער פון מיר, אָט דער עקסצענטריקער, וואָס שטייט און ציטערט פון קעלט? דער מענטש גיט צו:

— איך בין דער רב.

איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, וואָס ער איז אויסן. אפשר ווייסט דער רב אַז איך בין טאַקע אַ ייד, אָבער ניט קיין פרומער, און ער וויל מיך אַרייננאַרן צו דאַוונען.

דער רבֿ חזרט איבער:

— ביסט אַ ייִד?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין.

— גוט, — זאָגט ער, — קאָם אין. איך האָב צו דיר אַ בקשה.

מיר גייען אַריין. איך זע נאָך ייִדן, וואָס שאָקלען זיך אַהין און אַהער, מורמלענדיק די תפילות. די איינציקע וואַרעמקייט אין דער שול קומט פון די מענטשן גופא. ס'איז געוואָרן שטיל ווען די ייִדן האָבן אונדז דערזען אינמיטן שטוב. איך פיל אַ שטאַרקן קלאַפּעניש אין האַרצן, ס'קומט מיר אָן שווער צו אָטעמען, און מויל איז טרוקן... אַזאַ מאָדנע געפיל, עלעהיי די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. גלייך ווי פונדערווייטנס דערטראָגט זיך דעם רבֿס ווערטער:

— זײַ אַזוי גוט, הייץ פאַר אונדז איין דעם אויוון. אין דעם אויוון ליגט שוין צוגעגרייט פּאַפּיר און ברענהאָלץ. און אַ קעסטל מיט שוועבעלעך איז אויך פאַראַן.

אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. באַרואיקט, נעם איך זיך מיט פאַרגעניגן צו דער אַרבעט. ערשטנס, מוז מען אַוועקלייגן אָן אַ זייט דאָס דעקל פונעם אויוון. דאַן צינד איך אָן דאָס פּאַפּיר. די קליינע פלעמעלעך ווערן גרעסער, דערלאַנגען ביז צום ברענהאָלץ, וואָס נעמט פלאַקערן. דאָס דעקל לייג איך אַוועק צוריק און קאָנטראָליר צי דער אויוון איז גוט פאַרמאַכט. איצט איז אַלץ אין אָרדענונג. אַ ביסל רויך אַנטלויפט פון דעם אַלטן קוימען, אָבער ס'איז ניט געפערלעך. פון דעם אויוון גייט אַ וואַרעמע לופט. איך בין צופרידן מיט מײַן אַרבעט.

אָבער דאָ הייבט זיך אָן אַ טומל. די מענטשן ווערן צעקאָכט. דורך דעם ליאַרעם הערט זיך אַ שטימע וואָס איז העכער פון אַלע אַנדערע:

— דאָס ייִנגעלע איז דער אייניקל פון מײַן חבֿר בן־ציון! אַז אָך און וויי! וואָס האָבן מיר היינט אָפּגעטאָן... מיר זײַנען אַלע שולדיק, גאָט זאָל פאַרגעבן.

די אַנדערע ייִדן שרייען, קרעכצן, פּאַטשן מיט די הענט, ציען די בערד און פּאות, שאָקלען זיך אַהין און אַהער — דאָסמאָל, פאַרשטייט זיך, ניט פון פרומקייט.

איך פלי, ווי אַ ווינטפּעגער ווינט, פון דעם בית־הכנסת. אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך שוין ביי דער שול.

אַן אָנדערהאַלבן צענדליק קינדער האָט זיך צונויפגעקליבן אינדרויסן. צען אַזייגער קומט דער ממונה און עפנט די טיר. מיר אײַלן זיך אַרײַנצולויפן, אָנוואַרעמען די ביינער. מ'דאַרף זיך איבערטאָן. די מיידלעך גייען צום צימער אויף לינקס פון דעם זאַל, די ייִנגלעך — אויף רעכטס.

די טיר איז פאַרמאַכט. איך וואַרף אַראָפּ דעם טשיפּעק, דעם מאַנטל, די הענטשקעס, און לייג זיי צוזאַמען אויף אַ בענקל, די שווימקעס, וואָס איך דאַרף אָנטאָן, — אויפֿן דיל. כדי ניט שטיין אויפן ווער, וואו די

ייִנגלעך לויפֿן אַרום און שטופּן זיך, קריך איך אַרויף אויף אַ שרייבטיש. באַלד וועל איך זיך איבערטאָן און זײַן דער ערשטער אין זאַל. אויסגעטאָן די קליידער, בלײַב איך שטיין אויפֿן טיש אינגאַנצן נאַקעט, גרייט אָנצוטאָן די שווימקעס.

פּלוצעם עפֿנט זיך די טיר, אויף דער שוועל שטייט פֿייגעלע פֿון מײַן קלאַס. זי גיט אַ קוק אויף מיר און לאָזט אַרויס אַ קוויטש, איר פּנים ווערט ווײַס און זי פֿאַלט אין חלשות. ס׳הייבט זיך אָן אַ טאַראַראַם! עמעצער שרײַט:

— גיך, ברענגט וואַסער! אַ נאַס טיכל! וואו איז דער לערער?!

ס׳קומט צו לויפֿן דער לערער. ער זאָגט דעם ממונה:

— לאָמיר זי אויפֿהייבן און אַריבערטראָגן צו דער סאָפֿע אין דעם פּאַרצימער.

אָבער דאָס איז שוין ניט נייטיק. פֿייגעלע עפֿנט די אויגן, קומט צו זיך.

— איך קען אויפֿשטיין, — זאָגט זי, — כ׳פֿיל זיך אַ סך בעסער.

אַלע האָבן זיך באַרואיקט, און מ׳באַמערקט אַז איך שטיי נאָך אַלץ אויפֿן טיש, ווי פֿאַרגליווערט, אַ נאַקעטער. די ייִנגלעך קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער, מ׳האַלט זיך בײַ די זײַטן. איך שפּרינג אַראָפּ פֿון דעם טיש. כ׳פֿיל זיך פֿאַרשעמט, אָבער איך טאָר עס ניט ווײַזן. דער לערער זאָגט:

— נו, גוט, חברה. גענוג שוין... לאָמיר גיין אין זאַל.

אַלע פֿאָרען זיך נאָך אַ ווײַלע מיט די שווימקעס, דאַן זאָג איך:

— זײַט איר גרייט?

— שטענדיק גרייט! — ענטפֿערן אַלע און גיבן דערצו דעם קאָמוניסטישן סאַלוט. מ׳צעלאַכט זיך פֿונסניי, ווײַל אין שול האָט מען אונדז געלערנט אַז „שטענדיק גרייט" מיינט צו זײַן גרייט צו באַטייליקן זיך אין רעוואָלוציע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אַלע לאַכן און מאַרשירן אין זאַל, אָפּגעבנדיק דעם סאַלוט און זינגענדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

פֿון גימנאַסטיק קלאַס געדענק איך ווייניק, חוץ דעם וואָס פֿייגעלע קוקט ניט אין מײַן זײַט, און איך קוק ניט אין איר זײַט. כ׳געדענק אויך אַז אַהיים גיי איך צוזאַמען מיט מײַן חבר, הערשל. מיר וואוינען בשכנות.

איך גיי אַרײַן אין שטוב. די עלטערן זײַנען ניטאָ. איך בין אויסגעמאַטערט פֿון די היינטיקע געשעענישן, און לייג זיך גלײַך אַוועק שלאָפֿן. ס׳קומט אַ שווערער חלום, איך לעב איבער פֿונסניי די געפֿילן פֿון שאַנד און שולד. ס׳איז מיר הייס, דאָס פּנים איז פֿאַרשוויצט. איך הער דער מאַמעס קול:

— שאַ, מײַן קינד, שטיל.

איך פֿיל איר האַנט אויף מײַן שטערן, כ׳באַרואיק זיך. אַלץ איז פֿאַרבײַ.

# די וואַנדער־טויב

## טאָמאַס סאָקסבערגער

אַ ווערטער־אָנפלי וואָס קומט פונדערווייטנס דערגרייכט ביז צו מיר. געטראָגן פון ווינטן פון צייטן, איז ער געפלויגן איבער סטעפּעס און איבער אָקעאַנען. דער ווערטער־פלוג האָט זיך געצויגן לאַנג, מוראדיק לאַנג. די ווערטער האָבן זיך אויפגעהויבן פון שייטערס, זיי טראָגן מיט זיך די פונקען, און אפשר וועלן די פונקען נאָך אָנצינדן אַ פייער.

שארית־הפליטה ווערטער. זיי קומען, ווי אַ גרויסע מחנה בלאָנ־דזשענדיקע פייגל, זיך געפינען אַן אָרט. ס'דאַכט זיך, אַז אינעם פלוג איז הפקרות, אַז ס'איז אָן אַ ציל, אַזוי — אין דער וועלט אַריין. ס'איז ניט אַזוי. עס איז דאָ אַ ווילן אָנצוקומען און צו געפינען אַן אָרט פאַר זיך.

מ'זאָגט, אַז מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק איז אין אַמעריקע געווען אַ ריזיקע צאָל וואַנדער־טויבן. היינט איז פון זיי קיין איינציקער פויגל ניט פאַרבליבן. ווייטער זאָגט מען, אַז די טויבן פלעגן פליען אין מחנות פון הונדערטער טויזנט, אפשר מיליאָנען. מענטשן, ווילנדיק האָבן די רחבותן פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט פאַר זיך אַליין, האָבן געשאָסן די טויבן, פאַרברענט די ביימער, וואו די פייגל פלעגן זיך אַוועקזעצן, נעכטיקן, בויען די נעסטן. די לעצטע וואַנדער־טויב איז געשטאָרבן אין אַ שטייג, אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. מען האָט איר געהאַט געגעבן אַ נאָמען, יענער לעצטער טויב.

„ס'איז גאָרנישט. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס דו האָסט זיך פאַרפלאָנטערט אין ענינים, טעאָריעס, שפּראַכן, צייטן. ס'איז גאָרנישט, מאַך זיך ניט נאַריש. דער עיקר איז — מאַך זיך ניט נאַריש."

איך בין געזעסן אין פּאַרק, נאָענט צום אוניווערסיטעט, און גערעדט צו זיך אַליין. נאָרוואָס בין איך אַנטלאָפן פונעם לייענזאַל, ווייל איך האָב

זיך פּלוצעם דערפילט שלעכט. די טוויזנטער ביכער, די שטענדיקע באַוועגונג פון מענטשן, וואָס קומען אַריין און גייען אַרויס. מיר איז געוואָרן ענג, די הויכע גלעזערנע סטעליע האָט גלייך ווי געדריקט אויפן גרויסן זאַל. דאָס שעפּטשען פון אַלע זייטן, דאָס שאָרכן פון בענקלעך ווען מען רוקט זיי, דאָס פּליסטערן פון שטילע שמועסן, די מאָדנע אינטימקייט צווישן די לייענענדיקע, לערנענדיקע...

אַלצדינג איז מיר נמאס געוואָרן. איך בין אויפגעשטאַנען. אויף די טרעפּ האָב איך באַגעגנט אַ באַקאַנטן. איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרוס און אַוועק ווייטער, ער זאָל מיך ניט אָפּשטעלן. די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אין קאָפּ, ווי גרויסע רעדער. איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל זען ווי איך בין צעמישט. איך האָב דאָך אַליין ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שטימונג.

איך בין געזעסן אין פּאַרק. דער טאָג איז געווען זומערדיק שיין. שפּערלעך האָבן זיך געצאַנקט אין אַ קוסט. פאַר מיר, אויף אַ סטעזשקע, האָט אַ טויב געפּראוווט צוציען צו זיך אַן אינטערעס פון אַן אויסדערוויילטער טויביכע. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן, געוואָרקעט, געגאַנגען גאַווהדיק אַהין און צוריק, איבערשטעלנדיק די רויטע פיסלעך אין טאַקט פון זיין וואָרקען. איך האָב זיך צעלאַכט, קוקנדיק אויף אָט דער שפּיל. מיר איז געוואָרן גרינגער.

צוריק אין דער ביבליאָטעק, בין איך אַריין אין דעם צימער וואו עס שטייען ענציקלאָפּעדיעס. איך האָב גלייך געפונען אַן אַרטיקל וועגן דער וואַנדער־טויב. דאָרטן איז געווען אָנגעוויזן, אַז אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען פון די מיליאָנען וואַנדער־טויבן געבליבן נאָר געציילטע, וועלכע מען האָט געכאַפּט און געוואָלט אויפהיטן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. אָבער אין אַ שטייג, אָן דער גרויסער מחנה טויבן וואָס האָט געקענט פאַרפינצטערן דעם הימל, האָבן זיי אַפּנים קיין חשק ניט געהאַט זיך צו מערן, און האָבן זיך ניט געפּרוכפּערט. די לעצטע טויב איז געשטאָרבן דעם ערשטן סעפּטעמבער 1914 אינעם זאָאָלאָגישן גאָרטן פון סינסינאַטי. מען האָט אויפגעשטעלט אַ מעמאָריאַל פאַר די וואַנדער־טויבן, אָנווייזנדיק אַז אָט די פייגל זיינען פאַרטיליקט געוואָרן איבער נאַרישקייט און זשעדנעקייט.

לייענענדיק וועגן דער לעצטער וואַנדער־טויב, וועגן דעם כבוד וואָס מען האָט איר אָפּגעגעבן, אָנרופנדיק געניי דעם טאָג פון איר פּטירה, און אויך וועגן דעם מעמאָריאַל, איז ביי מיר אויפגעשוואומען אַ געדאַנק: ווי מענטשן קענען זיין אי אומברחמנותדיק, אי סענטימענטאַל, און אַז איינס האָט אַ שייכות צום צווייטן. דער געדאַנק איז אָבער געבליבן ניט קלאָר, ער האָט זיך אַרויסגעגליטשעט, ווי אַ פישל, און איך האָב אים ניט געקענט תופס זיין. איך בין נאָך אַלץ געווען ווי פאַרטשאַדעט. אין מיין קאָפּ האָבן געשווירבלט ווערטער, ווערטער, אַזאַ אָנפלי פון ווערטער...

# יידישע פּענימער

## אליענה רבקה אָדלער

אליענה אָדלער איז געבאָרן געוואָרן אין 1969. זי שטודירט יידישע געשיכטע און אַרבעט אויף אַ דאָקטאָראַט אין בראַנדיים אוניווערסיטעט.

### אַריין און אַרויס

אַריין און אַרויס — זיינע הענט זיינען געפלויגן.

— אַזוי מאַכט מען אַ קוגל, — האָט ער דערקלערט מיט ברענענדיקע אויגן. — דער עיקר, דאַרף מען צעקנעפּלען און אַרויסלאָזן דאָס העמד.

יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג איז ער געשטאַנען אין דער יידישער סטודענטישער קיך, איבערגעשמירט אין מעל, אייער און האָניק. שפּעטער, נאָכן קידוש, זיינען אַלע געזעסן ביים טיש און געלויבט זיין קוגל. ער פלעגט נאָר צואווינקען צו מיר.

צום ערשטן מאָל האָב איך אים דערזען ווען ער האָט געשפּילט אין פוטבאָל, ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין בלויער יאַרמלקע. פאַר מיר האָט עס אויסגעזען ווי אַ מיראַזש: צווישן די סטודענטן זיינען אין דער צייט געווען בלויז פיר יאַרמלקע־טרעגער, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געשפּילט אין פוטבאָל.

אין אַ טאָג אַרום איז ער אַריין אין אונדזער עס־צינער. אַ ריז מיט אַ קאָפּ גאָלדענע האָר, האָט ער אויסגעזען ווי אַ העלד צווישן זיין פינצטערן איידעלן פאָלק. ער האָט געוואָלט זיך לערנען, זיך דערוויסן וועגן יידישקייט. זיין אייגענע יידישקייט האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיק מיט דעם קוגל און דער יאַרמלקע. ער האָט מיר דערציילט ווי ער איז שטאָלץ געווען צו שלאָגן זיך מיט אַ פּאַרשוין וואָס האָט אים באַליידיקט — חוזק געמאַכט פון זיין יאַרמלקע.

מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דעם גאָלדענעם ריז מיט חומשים און

גמרות, זמירות, און אַנדערע אַזעלכע זאַכן. אָבער ער האָט זיך געפֿילט באַקוועם נאָר אין דער קיך — אַ האַלב נאַקעטער, צווישן די לאָקשן. רוחניות און גשמיות . . .

ער האָט זיך אין מיר פֿאַרליבט. איך, אַ קלייִנוואוקסקע שוואַרץ־האָריקע יידישע טאָכטער, האָב אים מסתמא דערמאָנט זײַן באָבע. זײַן ליבע איז געווען פֿראָסט און גראָב, ווי פֿוטבאָל און געשלעג.

איינמאָל, האַרבסטצייט, האָט אויף אונדז געוואַרט זײַן קוגל, אָבער ער אַליין איז ניט געווען. מער איז ער ניט געקומען — די פֿוטבאָל מאַטשן זײַנען פֿון אָסיען אָן איבערגעטראָגן געוואָרן אויף פֿרייטיק צו נאַכטס.

## אַ פּנים פֿון דער אַלטער היים

מײַן פּנים האָט זיך אַסימילירט נאָך פֿאַרן געבוירן ווערן. דער טאַטע זעט אויס ווי אַן אַמעריקאַנער, די מאַמע — ווי אַ מעקסיקאַנקע. איך בין געראָטן אין דעם טאַטן, אַזוי אַז איך בין ווי אַלע מענטשן אויף דער גאַס. ווען איך זיץ אויף אַ באַנק — מיט אַ טיכל, אַ שוואַרצן קלייד און אַ יידישער צייטונג — פֿרעגט מען בײַ מיר „וויפֿל איז דער זייגער?" אויף ענגליש. נאָר אַמאָל האָב איך געהאַט אַ פֿרײַנט מיט אַ פּנים פֿון דער אַלטער היים.

שוואַרץ אויף ווייס איז ער געווען. צו זיצן מיט אים אין אַ קאַפֿע איז געווען ווי בײַצוזײַן אויף אַן אסיפֿה פֿון „יונג ווילנע". אויף דער גאַס האָט ער מיר אויסגעזען ווי אַ פֿאַרברענטער חסיד פֿונעם בונד. פֿאָרנדיק מיט אים אין אַ באַן האָב איך זיך געפֿילט ווי אַ געשטאַלט פֿון שלום־עליכמס אַ מעשה.

אַחוץ דעם קלסתר־פּנים, איז ער געווען ווי אַנדערע מענטשן. אַ קלוגער, אַ געזונטער, צומאָל — אַ דערשראָקענער. ער האָט זיך געזאָרגט וועגן דער צוקונפֿט, בשעת ווען מיר האָט זיך געחלומט די פֿאַרגאַנגענהייט. קיין טייל פֿון זײַן צוקונפֿט בין איך ניט געוואָרן, נאָר זײַן פּנים וועט שוין פֿאַרבלייבן אין מײַן פֿאַרגאַנגענהייט.

# געסט פון אַמעריקע אין שטעטל טריסק

מ. אַליצקי

## יונה ראָזענפעלד

אַמעריקע איז אַ ווייט פרעמד לאַנד. אָבער פאַר אונדז, שילער פון דער יידישער וועלטלעכער שול אין דעם שטעטל טריסק, איז עס ניט שטאַרק פרעמד. אַפילו אַ ביסל היימיש, פאַרשטייט זיך — די יידישע אַמעריקע. מיר זינגען דאָך פון די יידישע טאַטעס, וואָס שיקן „צוואָנציק טאָלער"; מיר זיינען דאָך צוזאַמען מיט זיי געפאָרן מיט דער שיף קיין אַמעריקע, מיט שלום אַשם יאָסעלען; געווען אין סוועט־שאַפּ מיט שלום־עליכמס אליהון, געסטרייקט; מיר ווייסן דאָך וואָס עס האָט זיך געטאָן אין „חיים לעדערערס" לאַנדסמאַנשאַפט. מיר האָבן וועגן דעם געלערנט אין שול, געלייענט ביכער אין ביבליאָטעק.

די נייעס אַז עס קומט צו פאָרן יונה ראָזענפעלד, אַ יידישער שרייבער פון ניו־יאָרק, רודערט אויף אונדזערע געמיטער. גרייטן מיר זיך אים אויפצונעמען. אין קלאַס שרייבן מיר אַ קאָלעקטיווע באַגריסונג, באַסיעלע לייענט דעם שרייבערס דערציילונג „דער גנב"; דער קינדער־כאָר וועט זינגען.

פון ערגעץ האָבן יידן געוואוסט, אַז דער גאַסט קומט מיט דער באַטאָגיקער „פירער־באַן". ביים שאָסיי, אין מאַרק, פאַר די טירן פון קרעמלעך שטייען יידן, יידענעס וואָס גייען פון איינקויפן, קינדער וואָס גייען פון שול אַהיים, שול־טוער, און אַנדערע פון דער שטעטלשער אינטעליגענץ.

ווען די בריטשקע איז אָנגעפאָרן, האָט דער עולם אַ ציטער געטאָן פון חידוש. אויף דער קעלניע איז ניט געזעסן זלמן סעגאַל, דער באַלעבאָס, נאָר אַ נידעריק מענטשעלע מיט אַ קליין פּויעריש פּנימל, און געפּאַכעט מיט דער בייטש איבערן הויכן, קאַפּריזנעם, צעבאַלעוועטן פערדל. די יידן פון שטעטל האָבן געוואוסט: דאָס עלעגאַנטע פערדל, געקאָרמעט מיט זעקלעך פעטן האָבער און זשמעניעס צוקער, גייט בלויז ביי זיין באַלעבאָס, ביי זלמנען. ביי אַ פרעמדן שטעלט עס זיך דיבאָס. אָבער דעם אַמעריקאַנער פאָלגט עס, און ווען יענער טוט אַ צי די לייצעס, לאָזט עס זיך גאָר אין אַ גאַלאָפּ מיט אַ פאַרהויבן קעפּל און הייבט אויף אַ שטויב איבערן עולם.

אין איינעם אַן אָוונט, דוכט זיך שבת צונאַכטס, האָט מען דעם גאַסט אויפגענומען אין טעאַטער־זאַל, דעם געוועזענעם הויז פון דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" (פייערלעשער). דער זאַל איז געווען באַלויכטן מיט גרויסע נאַפט־לאָמפּן, אונטער גרויסע קיילעכדיקע טעלער וואָס האָבן געוואָרפן קיילעכדיקע גראָבע שאָטנס. אַרויפגעשטעלט אויף אַ טאַבורעטקע, האָב איך דעם גאַסט באַגריסט אין נאָמען פון די שול־קינדער, באַסיעלע האָט שטיל און צאַרט געלייענט די דערציילונג, דער כאָר האָט געזונגען. דערנאָך זיינען געווען רעדעס און די רעדע פונעם גאַסט אַליין.

אין ביבליאָטעק זיינען געקומען לייענער נעמען ראָזענפעלדס ביכער, וואָס זיינען נאָרוואָס אַרויס פון דרוק, מ'האָט גערעדט וועגן „פאַרוואָרטס" וואו ער דרוקט זיך, ניט געוואוסט פון די שוועריקייטן וואָס עס מאַכט אים אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר.

איך האָב יונה ראָזענפעלדן מער ניט געזען. ער פלעגט אַוועקגיין מיט מיין ברודער, מיטן פאַרוואַלטער פון שול און אַנדערע אויף לאַנגע שפּאַצירן.

## זישע ווײַנפּער

דער דיכטער זישע ווײַנפּער איז געבאָרן געוואָרן אין אונדזער שטעטל, אָבער נאָך פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה אַוועק קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ באַקאַנטער פּאָעט, געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין לינקן „איקוף". דער לערער פון יידיש פלעגט אונדז לייענען לידער פון זיין בוך „דער גילדענער האָן". מיר האָבן געקענט אויף אויסנווייניק זיין ליד „בערל". די עלטערע פלעגן זינגען זיין אומעטיק ליד פון טויבן צוויי.

יאָר נאָך יאָר פלעגט ווײַנפּער צושיקן „עטלעכע דאָלאַר" פאַר אונדזער בונדישער שול. אין יאָר 1927 צי 1928 זײַנען די „עטלעכע דאָלאַר" געווען גאַנצע 300 (אין פוילישער וואַליוטע — 1500 זלאָטעס). אַזאַ סומע האָט די שול ניט באַקומען פון דער צענטראַלע אין וואַרשע במשך פון לאַנגע יאָרן.

זיין קומען איז געווען ביי אונדז אַ פרייד. דאָס אויפנעמען אים איז פאָרגעקומען טאַקע אין שול, יום־טובדיק און שיין. אַ קלאַס האָט אויפגעפירט זיין פיעסע „דער באַפרייטער", מ'האָט דעקלאַמירט זײַנע לידער, דערלאַנגט אים בלומען.

ווײַנפּער איז געבליבן אין שטעטל עטלעכע טעג, איינגעשטאַנען ביי זיין שוועסטער כאַנקע. ער איז עטלעכע מאָל געווען ביי אונדז אין שטוב, פאַרבראַכט מיט מיין ברודער, האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט מײַנע „קאָמפּאָזיציעס". אים איז געפעלן מיין „וואָגן וואָס וואַרט נאָך אַלץ אויפן פערד" (די שטערן־קאָנסטעלאַציע „דער גרויסער בער").

ווען ווײַנפּער איז געווען אין אונדזער שטעטל, איז געווען די צייט פון דער פאַרביסענער מלחמה צווישן „רעכטע" און „לינקע". ער, אַ „לינקער", איז דאָ גאַנץ גוט אויסגעקומען מיט די בונדיסטן, עס האָט זיי פאַרבונדן די יידישע שול. זײַנען מיר מיט אַמעריקע נאָך היימישער געוואָרן: מיר האָבן אַן „אייגענעם" פּאָעט, אין סאַמע ניו־יאָרק.

שילדערונגען פון דעם דיכטערס פאַרברענגען צו גאַסט אין שטעטל געפינען מיר אין זיין ראָמאַן „אַ גאַסט פון אַמעריקע", וואָס איז דערשינען מיט פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1953, אין ניו־יאָרק.

# יידישע וויסנשאַפט אין סאָוועטן=פאַרבאַנד

מכאל קרוטיקאָוו

**די יידישע ליטעראַטור אין ניינצנטן יאָרהונדערט: זאַמלונג פון יידישער ליטעראַטור פאָרשונג און קריטיק אין ראַטנפאַרבאַנד.**

**אָפּקלייב און פאָרוואָרט: חנא שמערוק. רעדאַקציע: חוה טורניאַנסקי. הוצאת ספרים ע״ש י״ל מאַגנס. האוניברסיטה העברית, ירושלים, תשנ״ג (1993).**

דער באַנד איז די ערשטע אַנטאָלאָגיע פון די אַרבעטן וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין סאָוועטישע יידישע פּובליקאַציעס פון די 20ער יאָרן. די דאָזיקע אַרבעטן באַהאַנדלען דער עיקר די יידישע ליטעראַטור פון דער השכלה תקופה אין מזרח אייראָפּע, ד. ה. דעם פּעריאָד פונעם אָנהייב ביז די 60ער יאָרן פון 19 י.ה. די אַרבעטן זיינען פאַרשיידענע אי לויט זייער פאַרנעם, אי לויט זייער טיפקייט — פון קורצע נאָטיצן ביז מאָנאָגראַפיעס. אָבער אַלע ווערק אינעם באַנד האָבן בשותפות צוויי זאַכן: דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג און הויכע קוואַליטעט.

היינט צו טאָג איז מאַרקסיזם ניט איבעריקס פּאָפּולער אין די יידישע לימודים. די סיבות זיינען קלאָר: מען אַסאָציאירט מאַרקסיזם אין דער וויסנשאַפט מיט מאַרקסיזם אין לעבן, און דווקא אין זיין סאָוועטישן נוסח. פון דעם שטאַנדפּונקט שרייבט, למשל, פּראָפ. חנא שמערוק אין זיין פאָרוואָרט צו דעם בוך: „. . . די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פאָרשונג אין ראַטנפאַרבאַנד [. . .] איז געשאַפן געוואָרן אין אַ שטאַרקערער צי שוואַכערער אָפּהענגיקייט פון דער אַקטועלער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע. די אידעאָלאָגיע איז געווען דער יסוד פון איר וועלט=באַנעם, פון וועלכן ס'איז ניט מעגלעך געווען זיך צו באַפרייען אין די סאָוועטישע באַדינגונגען" (ז. 15). עס איז אַוודאי ריכטיק, אָבער די פראַגע איז, אויף וויפל האָבן די סאָוועטישע פאָרשער *געוואָלט* זיך באַפרייען פון דער אידעאָלאָגיע? ווי פּראָפ. שמערוק אַליין באַמערקט, זיינען די בעסטע סאָוועטישע געלערנטע און שרייבער אַליין געקומען אין דער קאָמוניסטישער מדינה, צוגעצויגן פון די „פאַרפירערישע פּערספּעקטיוון פון יידישער קולטור אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד" (ז. 13). עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו פּרובירן בעסער צו פאַרשטיין די דאָזיקע „פאַרפירערישע פּערספּעקטיוון" אינעם קאָנטעקסט פון יענער תקופה, און ניט נאָר אָפּשאַצן זיי לויט אונדזערע היינטצייטיקע מאָסן.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז אין די 20ער — אָנהייב 30ער יאָרן האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין איינהייטלעכער סאָוועטישער נוסח פון מאַרקסיזם; אַזאַ מין „כשרער" נוסח האָט זיך אויסגעפורעמט ערשט שפּעטער, סוף 30ער יאָרן. דער פריערדיקער פּעריאָד איז געווען די צייט פון הייסע דיסקוסיעס אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור וויסנשאַפט בכלל און אויף דער יידישער גאַס בפרט. די צענטראַלע פּראָבלעמען זיינען געווען דער באַגריף פון רעאַליזם, די באַציאונגען צווישן פאָרם און אינהאַלט אין ליטעראַרישע ווערק, און די ראָל פון ליטעראַטור אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דאָס רוב פון די אָנטיילנעמער אין די אַלגעמיינע טעאָרעטישע דיסקוסיעס זיינען געווען יידן, ווי למשל אין דעם וויכטיקן וויכוח אַרום דער פּראָבלעם פון קריטישן רעאַליזם צווישן מיכאַאיל ליפשיין און געאָרג לוקאַטש פון איין זייט און יצחק נוסינאָוו פון דער אַנדערער זייט. ניט שטענדיק האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי „געכשרט" דווקא דעם מער ראַדיקאַל „פּראָלעטאַרישן" צוגאַנג: ניט

נוסינאָוו מיט זיין „וואולגאַר־סאָציאָלאָגישן" צוגאַנג, נאָר ליפשיץ מיט דער ברייטערער קאָנצעפּציע פֿון דער קלאַסישער ירושה איז געוואָרן דער פֿאַרשטייער פֿון דער אָפֿיציעלער אידעאָלאָגיע (פֿאַרשטייט זיך, נאָר אויף אַ געוויסער צייט, ווייל די „ליניע" פֿון דער פּאַרטיי האָט זיך שטענדיק געביטן).

וואָס שייך דער יידישער וויסנשאַפֿט איז זי — ווי מסתמא קיינמאָל אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער פֿאָרשונג — געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אַרומיקער וויסנשאַפֿט. אמת, די פֿאָרמען פֿון דער אַרגומענטאַציע זיינען צומאָל געווען „ניט דערלאָזלעכע" (שמערוק, ז. 15). אָבער אַפֿילו אין אַזעלכע זאַמלונגען ווי „קעגן אַנטי־מאַרקסיסטישע טעאָריעס אין דער ליטעראַטור וויסנשאַפֿט" און „פֿאַרן לענינישן עטאַפּ אין דער ליטעראַטור קריטיק", וועלכע פּראָפֿ. שמערוק רופֿט אָן „שענדלעכע ביי־פּראָדוקטן פֿון דער אידישער סאָוועטישער פֿאָרשונג" (ז. 16), קאָן מען זיך אָנטרעפֿן אויף אָריגינעלע געדאַנקען, ווי למשל מאיר ווינערס אידעעס וועגן דער „אוקראַאינישער" און דער „פּוילישער" טראַדיציעס אין דער יידישער ליטעראַטור.

די סאָוועטישע „סטיליסטיק" איז צומאָל אַ מניעה — דעם היינטצייטיקן לייענער איז שווער צו פֿאַרשטיין דעם געדאַנקען־גאַנג און די אַרגומענטאַציע פֿון סאָוועטישע פֿאָרשער. להיפּוך צו זייערע קאָלעגן אין אויסלאַנד, אין פּוילן און אַמעריקע, זיינען די סאָוועטישע געלערנטע געווען פֿאַראינטערעסירט ניט אין דער יידישער קולטור אַליין פֿאַר זיך, נאָר אין די אַלגעמיינע געזעצן פֿון דער געזעלשאַפֿט־לעכער אַנטוויקלונג און זייער אָפּשפּיגלונג אין דער יידישער ליטעראַטור. צום באַדויערן, האָט ניט דער נייער באַנד קיין הערות אָדער באַמערקונגען וואָס זאָלן העלפֿן עס צו פֿאַרשטיין.

ווי באַוואוסט, איז די יידישע פּראָבלעמאַטיק געווען אַ האַרטער נוס פֿאַר דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און פּראַקטיק. דער הויפּט־ציל פֿון דער סאָוועטישער יידישער פֿאָרשונג איז געווען צו באַווייזן, אַז די יידישע קולטור האָט אַ פּראָגרעסיוון אינהאַלט און דערפֿאַר איז ווערט מ'זאָל זי אַריינגעמען אינעם קאַנאָן פֿון דער „פּראָגרעסיווער" קולטור. עס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דווקא די השכלה תקופֿה האָט אַזוי צוגעציגן די סאָוועטישע פֿאָרשער. דער באַגריף „אויפֿקלערונג" האָט געהאַט דעם אומבאַדינגט פּאָזיטיוון באַדייט אין דעם מאַרקסיסטישן וועלט־באַנעם. דאָס איז געווען דער גרונט, אויף וועלכן מ'האָט געדאַרפֿט בויען די נייע קולטור. די השכלה אידעאָלאָגיע אין מזרח אייראָפּע האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין דעם קאָנפֿליקט מיט חסידיזם, און דערפֿאַר האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער מאַרקסיסטישער סכעמע פֿון קלאַסנקאַמף. לויט דער דאָזיקער סכעמע, איז חסידיזם געווען די אידעאָלאָגיע פֿון דער ביז־קאַפּיטאַליסטישער, פֿעאָדאַלער תקופֿה, בעת די השכלה האָט אויסגעדריקט די שטימונגען פֿון דער פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע.

לויט דער סאָוועטישער מאַרקסיסטישער טעאָריע, האָט מען ניט געטאָרט אָפּטיילן וויסנשאַפֿט פֿון דעם קלאַסנקאַמף. דערפֿאַר האָבן די סאָוועטישע יידישע געלערנטע געקוקט אויף זייערע קאָלעגעס אין אויסלאַנד, ספּעציעל אין דער ייוואָ, ווי אויף קלאַסן־שונאים, און אויף די וויסנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס — ווי אויף אַ שלאַכטפֿעלד. די וויכוחים אַרום שלמה עטינגער זיינען אַ ביישפּיל פֿון אַזאַ קאַמף. ביידע צדדים האָבן געהאַלטן עטינגערן פֿאַר זייער פֿאָרויסגייער, אָבער זייערע אָפּשאַצונגען זיינען געווען גאָר פֿאַרשיידענע. פֿאַר מאַקס עריק איז עטינגער געווען „אַן אידעאָלאָג פֿון אַ בורזשואַזן שיכט, וואָס האַלט נאָך אין אויפֿשטייג, און וואָס זיין עצם אויפֿשטייג פֿאָדערט אַראָפּצוראַמען און ענדערן אַ ריי פֿעאָדאַלע אינסטיטוציעס,

פּאָרשטעלונגען און זיטן" (ז. 135). מאַקס ווײַנרײַך האָט כאַראַקטעריזירט עטינגערן אַנדערש: „און אַ ליבער מענטש איז ער אויך געווען, ווען ער פּלעגט שטעכן, פּלעגט דאָס ווי טאָן, אָבער ס׳איז פּאָרט געווען אָן בײַז" („אַלע כתבים פֿון ד״ר שלמה עטינגער", ווילנע, 1925, ז. XLIV). ס׳איז קיין וואונדער ניט וואָס מאיר ווינער האָט אָנגערופֿן ווײַנרײַכס קאָנצעפּציע אַ „באַלעבעסלדיק־יידישיסטישע" און איראָניזירט וועגן זײַן סטיל (מ. ווינער, „צו דער געשיכטע פֿון דער אידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט", ב. 1, ניו־יאָרק, 1945, ז. 209). אין דער זעלבער צײַט דאַרף מען אָפּמערקן, אַז דווקא אויפֿן סמך פֿון דער מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע האָט ווינער געשריבן זײַן קלאַסישע פֿאָרשונג „די ראָל פֿון שאַבלאָנישער פּראַזעאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור פֿון דער השכלה (צו דער מאָנאָגראַפֿיע וועגן ש. עטינגער)".

ביידע גרופּעס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די פֿאָרזעצער פֿון דער השכלה טראַדיציע. פֿאַר דער ייוואָ, האָט זי פֿאַרקערפּערט די אומאָפּ־הענגיקע, סאַמאָראָדנע אידישע קולטור; פֿאַר סאָוועטישע פֿאָרשער, איז זי געווען אַ פּראָגרעסיווער עלעמענט אינעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפֿטלעכן פּראָצעס. די השכלה איז געווען דער יחוס־בריוו, וועלכער וואָלט געדאַרפֿט העלפֿן דער יידישער קולטור צו פֿאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין דער נייער „אויסגעטראַכטער געמיינדע" פֿון סאָוועטישן פֿאָלק.

אַזוי ווי השכלה אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט די יידישע קולטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אויך געליטן אַ מפּלה. סוף־כּל־סוף האָט די סאָוועטישע מאַכט באַשלאָסן, אַז זי דאַרף ניט קיין „פּראָלעטאַרישע יידישע קולטור". פֿאַרשטייט זיך, מ׳טאָר ניט פֿאַרגלײַכן די אכזריות פֿון סטאַלינס רעזשים מיטן מילדן איגנאָרירן די השכלה מצד דער צאַרישער מאַכט. אָבער ניט נאָר די מאַכט, נאָר די יידן אַליין האָבן אויך אין כּלל ניט אָנגענומען דעם מין קולטור, וואָס די משכּילים און — שפּעטער — די סאָוועטישע יידישע קולטור טוער האָבן זיי פֿאָרגעלייגט.

דער דאָזיקער אומשטאַנד קאָן אָבער ניט מינערן דעם וויסנשאַפֿטלעכן און קולטורעלן ווערט פֿון דער ירושה פֿון די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור פֿאָרשער און קריטיקער. בפֿרט נאָך אַז מיטן פֿאַל פֿון דעם אידעאָלאָגישן רעזשים אין ראַטנפֿאַרבאַנד קאָן מען מיט נייע אויגן אַ קוק טאָן אויף דעם, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין גערעם פֿון דער מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע.

# אינטערוויו: לעאָניד שקאָלניק

## (אינטערוויואירט: ג. עסטרייך)

לעאָניד שקאָלניק איז געבאָרן געוואָרן אין 1945 אין דער סיבירער שטאָט קעמעראָוואָ. איבער פערציק יאָר געלעבט אין ביראָבידזשאַן. געאַרבעט אין דער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“, געווען דער אָנפירער פונעם קולטור אָפּטייל, פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר, וויצע־רעדאַקטאָר, און אין די יאָרן 1989–1984 — הויפּט־רעדאַקטאָר. איצט וואוינט ער אין ירושלים, אַרבעט אין דער תל־אביבער רוסישער צייטונג „נאָוואָסטי נעדעלי“ („נייעס פון דער וואָך“).

**ע:** לאָמיר אָנהייבן פון „ביראָבידזשאַנער שטערן“, פון דער ראָל וואָס די צייטונג האָט געשפּילט אין סאָוועטיש־יידישן לעבן, בפרט אין די שפּעטע אַכציקער יאָרן.

**ש:** פון איר ערשטן נומער, וואָס איז אַרויס דעם 30טן אָקטאָבער 1930, איז די צייטונג געווען (און בלייבט) אַן אָפיציעלע אויסגאַבע. איך בין געקומען אין דער צייטונג אין 1974, און איך געדענק זייער גוט ווי די איבערזעצער האָבן גאַנצענע נעכט דיקטירט און די מאַשיניסטקעס האָבן אָפּגעקלאַפּט די לאַנגע רעדעס פון די דעמאָלטיקע סאָוועטישע אָנפירער: ברעזשנעוו, גראָמיקאָ, קאָסיגין, און אַנדערע. שמעון קערדמאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען דער וויצע־רעדאַקטאָר, פלעגט זאָגן: „די דאָזיקע נאַרישקייט לייענט קיינער ניט אַפילו אויף רוסיש; וואָס פאַר אַן אידיאָט וועט עס לייענען אויף יידיש?“

אין די יאָרן, ווען איך האָב רעדאַגירט די צייטונג, האָב איך זיך געסטאַרעט צו מאַכן זי „לעבעדיקער“. מיר האָבן אָנגעהויבן דרוקן מאַטעריאַלן וועגן יידישער געשיכטע און יידישע טראַדיציעס, ווערק פון סאָוועטישע יידישע שרייבער, ווי אויך ברייוו פון לייענער וואָס מיר פלעגן באַקומען פון פאַרשיידענע שטעט פון דעם לאַנד. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן די מאָנאָפּאָליע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווייל אַ צאָל לייענער האָבן זיך איבערגעשלאָסן צו „ביראָבידזשאַנער שטערן“. אויף דעם האָט גלייך רעאַגירט אהרן ווערגעלים, דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט באַקומען אַ סך ברייוו מיט אַזעלכע באַשולדיקונגען, ווי, למשל, — אַז די צייטונג פּראָפּאַגאַנדירט „שוואַכע“ און „שעדלעכע“ ווערק פון גריגאָרי קאַנאָוויטשן און וועלוול טשערנינען. ווערגעלים האָט אויך באַשולדיקט די צייטונג, אַז זי האָט — צוזאַמען מיט ציוניסטן — אָפּגעמערקט דעם 12טן אויגוסט 1952, ווען ס׳זיינען „כלומרשט“ (אַזוי האָט ער געשריבן) צעשאָסן געוואָרן סאָוועטיש־יידישע שרייבער און טוער. ווערגעלים איז אַרויס פון די כלים, ווען ער האָט דערזען אַז דעם 12טן אויגוסט 1987, אונטער דער רובריקע „טייערע נעמען“ זיינען געווען פאַרעפנטלעכט לידער פון פּרץ מאַרקישן, דוד האָפשטיינען און אַנדערע דיכטער וואָס זיינען אומגעקומען אין סטאַלינס קאַטאָווניעס.

איך קען ניט זאָגן אַז „ביראָבידזשאַנער שטערן“ האָט געוואָיעוועט מיט „סאָוועטיש היימלאַנד“. מיר האָבן זיך פּשוט געסטאַרעט צו געבן דעם לייענער, אַפילו אין יענע באַדינגונגען, אַ מעגלעכקייט צו לייענען אויף יידיש ניט בלויז רעדעס פון סאָוועטישע פירער, נייערט אויך יידישע ווערק, צו דערוויסן זיך וועגן דער קולטור, די מנהגים פון אונדזער פאָלק, אָדער — אַנדערש געזאָגט — צו באַקומען אַ צוטריט צו די מאַטעריאַלן וועלכע אַ סאָוועטישער ייד האָט ניט געקענט לייענען

אין משך פון אַ סך יאָרצענדליקער.

**ע:** וואָס איז געווען דער אמתער טיראַזש פון דער צייטונג? וואו האָבן געוואוינט אירע לייענער?

**ש:** אין 1984 איז איר טיראַזש געווען אינגאַנצן 900. אין 1989, ווען איך בין אַוועק פון דער רעדאַקציע ווייל מ'האָט מיך אויסגעקליבן אין דעם אויבער־סאָוועט (פּאַרלאַמענט) פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דער טיראַזש געווען נאָענט צו צוויי טויזנט. ס'רוב פון אונדזערע לייענער זיינען געווען תושבים פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, מאָסקווע, אוקראַינע, מאָלדאַוויע, סיביר, אַפילו אויפן אינדזל שפּיצבערגען איז ביי אונדז געווען אַן אַבאָנענט (אויב איך פּלאָנטער ניט, האָט דער ייד געהייסן אייסבערג). אַ צאָל אַבאָנאָמענטן זיינען געווען אין אַמעריקע, ישראל, בולגאַריע, יאַפּאַן, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אַנדערע לענדער.

**ע:** וואָס הערט זיך מיט יידיש אין איצטיקן ביראָבידזשאַן?

**ש:** ניט לאַנג צוריק האָט „ביראָבידזשאַנער שטערן" געשריבן אַז די היגע יידישע שול איז געוואָרן דריי יאָר אַלט. מ'לערנט דאָרטן יידיש און עברית. אַ לערערקע פון יידיש איז דאָרע שאַפּיראָ, וואָס האָט אין מיין צייט געאַרבעט אַלס קאָרעקטאָר אין דער צייטונג. אין אַזאַ עלטער זיינען די צוויי אַנדערע יידישע לערערקעס. אין דעם ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט איז פאַראַן אַן „ענגליש־יידישער" אָפּטייל, אָבער קיינער פון די וואָס האָבן אים פאַרענדיקט אַרבעט ניט אין דער שול. צווישן דעם צענדליק שעפערישע אַרבעטער פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" זיינען פאַראַן נאָר דריי מענטשן וואָס קענען יידיש: אברהם וואָלאָדאַרסקי, אברהם גאָלדמאַכער און שניאור קאָניק, זיי זיינען אין די זיבעציקער.

**ע:** „יעווריייסקי קאָמערטאָן" („יידישער קאָמערטאָן"), די ביילאַגע צו דער „נאָוואָסטי נעדעלי", וואו דו אַרבעטסט איצט, גייט אַרויס אויף רוסיש, אָבער זיין טעמאַטיק איז, אין אַ היפּשער מאָס, פאַרבונדן מיט יידיש. צי הייסט עס אַז אין ישראל איז פאַראַן אַ „מאַרק" פאַר אַזעלכע פּובליקאַציעס?

**ש:** דער „יידישער קאָמערטאָן" האָט זיך באַוויזן ניט לאַנג צוריק, אין נאָוועמבער 1994. וואָס שייך מיין רובריק „שטעטל", האָב איך זי געעפנט אין דער צייטונג גופא, זי עקזיסטירט פון דעם 23טן אָקטאָבער 1992. פון יענער צייט אָן, זיינען דריי זייטן פון דער צייטונג, וואָס גייט אַרויס יעדן פרייטיק, געווען געווידמעט מאַטעריאַלן וועגן יידיש, יידישער קולטור, יידישע שרייבער, אַמאָליקע יידישע שטעטלעך פון אוקראַינע, בעסאַראַביע, ווייסרוסלאַנד. פאַר דער צייט האָבן מיר פאַרעפנטלעכט מער ווי אָנדערטהאַלבן טויזנט בריוו פון לייענער, וועלכע זיינען אוניקאַלע דאָקומענטן וואָס דערציילן וועגן די האָפענונגען און אַנטוישונגען פון סאָוועטישע יידן.

וואָס שייך דעם מאַרק. הונדערטער בריוו, וואָס מיר באַקומען אויף רוסיש און יידיש, ווייזן אָן אַז ס'זיינען נאָך פאַראַן אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן זיך איבערגעקליבן קיין ישראל אָבער פאַרבליבן יידיש־רעדנדיקע יידן. מיר האַלטן אַז צווישן די פופציק טויזנט לייענער פון „נאָוואָסטי נעדעלי" (און, הייסט עס, פון דעם „יידישן קאָמערטאָן") האָבן מיר ניט ווייניקער ווי צען טויזנט אַקטיווע יידיש רעדנדיקע.

די מענטשן וועלכע פירן אָן מיט דער צייטונג, האַלטן אונטער דאָס וואָס מיר מאַכן צוזאַמען מיט וועלוול טשערנינען. דערפאַר טאַקע ווערן מיר אַלץ מער און מער „חוצפּהדיק" און דרוקן, צווישן די רוסישע מאַטעריאַלן, אויך לידער, פּראָזע ווערק און אינפאָרמאַציעס אויף יידיש, נעמענדיק זיי פון

דער תל־אביבער „נייער צייטונג", מעלבורנער „אויסטראַלישע יידישע נייעס", ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס", ווי אויך פֿון דער „פֿען". די לייענער ווערן אויך „חוצפּהדיק" און בעטן צו געבן וואָס מער אויף יידיש.

**ע:** צי האָט איר אַבאָנאָמענטן אין אַנדערע לענדער?

**ש:** אויף וויפֿל איך ווייס, האָבן מיר ניט קיין אַבאָנאָמענטן אויסער ישראל. אָבער בריוו קומען אָן אי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אי פֿון ליטע, אוקראַינע, רוסלאַנד. די טעג האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פֿון דינה אַבראַמאָוויטש, פֿון ייוואָ. זי בעט אונדז אַרויסשיקן דעם „יידישן קאַמערטאָן" פֿאַר זייער ביבליאָטעק.

**ע:** וואָס זיינען אייערע באַציאונגען מיט יידישע צייטונגען, וואָס גייען אַרויס אין ישראל?

**ש:** ניט קיין שנאה און ניט קיין פֿריינטשאַפֿט, אַ מין „פֿרידלעכע קאָעקזיסטענץ": מיר דרוקן איבער אייניקע פֿון זייערע מאַטעריאַלן, זיי נעמען עפּעס פֿון אונדזער צייטונג.

**ע:** ווי שאַצסטו אָפּ דעם מצב פֿון יידיש אין ישראל?

**ש:** ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, בין איך אַן אָפּטימיסט. איצט האָבן מיר צו פֿיל „פֿאָרזיצער" און „אָנפֿירער". אָבער אין צען־פֿופֿצן יאָר אַרום וועלן קומען די וואָס שטודירן איצט יידיש אין די ישראלדיקע אוניווערסיטעטן, אין צוויי און פֿופֿציק שולן פֿונעם לאַנד. און ס'איז אַקטיוו דער „המשך דור", ווי אויך אַ פּאָר צענדליק קלובן פֿון ליבהאָבער פֿון יידיש. אין יולי וועט מען אין דער כנסת ווייטער באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט פֿון אַ געזעץ וועגן יידיש און לאַדינאָ, וואָס מוז פֿאַרזיכערן פֿאַר יידיש אַ מלוכהשע שטיצע.

און נאָך איין זאַך, וועלכע מ'דאַרף באַזונדערס אַקצענטירן: די סימנים פֿון אַ קריזיס אין דער היינטיקער ישראלדיקער קולטור צווינגען אירע שעפֿער צו ווענדן זיך, און וואָס ווייטער אַלץ עפֿטער, צו דער קולטור, פֿון וועלכער מ'פֿלעגט זיך אָפּשאָקלען. ווייל אָן דער אשכנזישער קולטור, וואָס האָט געלאָזט טיפֿע וואָרצלען אין דער יידישער געשיכטע — אי דער אַלטער אי דער מאָדערנער, — קען קיין רייד ניט גיין וועגן אַ פֿולווערטיקער ישראלדיקער קולטור. דאָס, וואָס די שעפֿער פֿון ישראלדיקער קולטור הייבן אָן צו פֿאַרשטיין די וויכטיקייט פֿון יידישער קולטור, גיט צו אַ האָפֿענונג אַז ס'וועט זיין אַ בכבודיקער המשך פֿאַר דער שפּראַך און קולטור, וואָס האָבן איבערגעלעבט אי אַסימילאַציע, אי פֿאַשיזם, אי דעם סאָוועטישן רעזשים, אי די מלחמה פֿון שפּראַכן אין ישראל גופֿא.

## ערשט דערשינען!

# „ניו־יאָרקער אַדרעסן"

## פון

# יאָני פיין

ביים פאַרלאַג „דריי שוועסטער" איז אַרויס אין פראַכט־פאָרמאַט אַ וויכטיקער באַנד מאָדערנע יידישע פראָזע פונעם באַקאַנטן ניו־יאָרקער קינסטלער און מחבר יאָני פיין. אינעם באַנד גייען אַריין 21 דערציילונגען וואָס שילדערן די אינערלעכע גייסטיקע ראַנגלענישן פונעם ניו־יאָרקער יידן.

403 זייטלעך מיט אילוסטראַציעס פונעם מחבר.

דער פרייז: £15 ($24)

איבערשיקן: אין אייראָפע — £2.50 ($4)

אַנדערשוואו — £6 ($9.50)

צאָלונגען מיט טשעק, וויזאַ, מאַסטער קאַרד, אויפן נאָמען: O.I.Y.S.

טעלעפאָן: (+44) 1865 798989; פאַקס: (+44) 1865 798987

דער אַדרעס:

Oxford Institute for Yiddish Studies
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX, England

די זשורי האָט איינשטימיק
באַשלאָסן אויסטיילן די פּען
פּרעמיע פֿאַר יידישער פּראָזע
(£1000 — טויזנט פֿונט שטערלינג)
דעם ירושלימער שרייבער באָרים
סאַנדלער.



Composed by Empire Press Brooklyn
Printed by Alden Press Oxford

The Yiddish Pen 14

monthly for Yiddish poetry and prose

September 1995

Editor:
Dovid Katz

Managing Editor:
Gennady Estraikh

Editorial Board:
Majer Bogdanski
Elyakum G. Klepfish
Dov-Ber Kerler

Address for subscriptions, manuscripts and correspondence:

Managing Editor
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

Telephone:
(+) 44 1865 798989

Fax:
(+) 44 1865 798987

Published by the Oxford Institute for Yiddish Studies

Founded by the Tabatznik family in memory of Yiddish poet and novelist
Mendel Tabatznik
(1894 — 1975)

Three Sisters Press

## Poetry

Sarah Traister Moskovitz (Pacific Palisades, California): First Love 1
Jacob Biber (Pambroke Pines, Florida): Magic Trills 2
Chonon Kiel (New York): Last Letters 3
Matthew Daily (Columbus): My Grief is Eternal 4
S. Simchovitch (Toronto): Light of Holiness 6
Grunia Slutzky-Kohn (Montreal): Spring 7
Boris Karloff (Wolvercote): Sex 8

## Prose

Alexander Lizen (Lvov): Self-sacrifice 9
Velvl Chenin (Elkanah): Twilight 15
Zackary Berger (Lousville, Kentucky): My Green Cousin 18
Morris Miller (Rickmansworth): A Childhood Sabbath 20
Thomas Soxberger (Vienna): The Roaming Pigeon 23
Eliyanu R. Adler (Cambridge, Massachusetts): Yiddish Faces 25

## Memoir

M. Olitsky (New York): American Guests in Trisk 27

## Review

Mikhail Krutikov (New York): Yiddish Scholarship in the Soviet Union 29

## Interview

Leonid Shkolnik (Interviewed by G. Estraikh) 32

Cover:
Leyzer Ran in Oxford in 1986, drawn by S. S. Prawer. Ran, who died in New York on August 14, at 83, was one of the century's major Yiddish folklorists. He devoted much of his life to the collection and preservation of books, documents and photographs of Jewish Vilna. many of which he personally rescued from the ashes of the city shortly after World War II. He published hundreds of pieces on Yiddish folklore, cultural history, literature and the history of Vilna. His masterpiece is his three volume *Jerusalem of Lithuania* (New York 1974), a vast compendium of photographs and documents with text in four languages. Leyzer Ran called Vilna (now Vilnius, Lithuania) the pre-war "Capital of Yiddish Culture".

# די פּען 14

אלול תשנ"ה חודשלעכער זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור סעפּטעמבער 1995